# ויקרא ליום חמישי

להמשיך מת"ת דז"א יהוה - נפש, י יה יהו יהוה - רוח, יוד הא ואו הא - נשמה, יֹהֹוֹהֹ - חיה יחידה, ה דמלוי ה"ה אל שם ב"ן שבעשיה בניקוד חולם

## תורה (ויקרא ב, ה-ו)

ה **וְאִם־מִנְחָ֖ה עַל־הַֽמַּחֲבַ֣ת קָרְבָּנֶ֑ךָ סֹ֛לֶת**
**בְּלוּלָ֥ה בַשֶּׁ֖מֶן מַצָּ֥ה תִהְיֶֽה׃** וְאִם מִנְחָתָא עַל
מַסְרֵיתָא, קוּרְבָּנָךְ. סוּלְתָּא דְּפִילָא בִמְשַׁח, פַּטִּיר תְּהֵי:
ו **פָּת֤וֹת אֹתָהּ֙ פִּתִּ֔ים וְיָצַקְתָּ֥ עָלֶ֖יהָ שָׁ֑מֶן**
**מִנְחָ֖ה הִֽוא׃** בְּצַע יָתַהּ בִּיצוּעִין, וּתְרֵיק עֲלַהּ מִשְׁחָא.

## ביאור מקרא

(ה) **וְאִם מִנְחָה עַל הַמַּחֲבַת** און אויב א מנחה וואס איז געפרעגלט אין א פלאכער פאן **קָרְבָּנֶךָ** איז דיין קרבן [אויב מ'האט מנדב געווען א מנחה על מחבת] **סֹלֶת** פיין מעל **בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן** אויסגעמישט מיט אויל **מַצָּה תִהְיֶה** מצה זאל עס זיין: (ו) **פָּתוֹת אֹתָהּ** זאלסט איר צעברעקלען **פִּתִּים** אויף ברעקלעך **וְיָצַקְתָּ** און דו זאלסט גיסן **עָלֶיהָ** אויף איר **שָׁמֶן** אויל **מִנְחָה הִוא** זי איז א מנחה:

## רש"י

(ה) **ואם מנחה על המחבת.** שאמר הרי עלי מנחת מחבת, וכלי הוא שהיה במקדש שאופין בו מנחה על האור בשמן, והכלי אינו עמוק אלא צף, ומעשה המנחה שבתוכו קשין שמתוך שהיא צפה האור שורף את השמן (מנחות סג.), וכולן טעונות שלש מתנות שמן, יציקה ובלילה ומתן שמן בכלי קודם לעשייתן: **סלת בלולה בשמן.** מלמד שבוללן בעודן סלת: (ו) **פתות אותה פתים.** לרבות כל המנחות הנאפות קודם קמיצה לפתיתה: **ויצקת עליה שמן מנחה הוא.** לרבות כל המנחות ליציקה. יכול אף מנחת מאפה תנור כן, תלמוד לומר עליה, אוציא את החלות ולא אוציא את הרקיקין, תלמוד לומר הוא:

## ביאור רש"י

(ה) **וְאִם מִנְחָה עַל הַמַּחֲבַת. שֶׁאָמַר הֲרֵי עָלַי מִנְחַת מַחֲבַת** אז ער האט געזאגט איך נעם אויף מיר צו ברענגען א מנחה אין א מחבת, א פלאכע פאַן, **וּכְלִי הוּא שֶׁהָיָה בַּמִּקְדָּשׁ** און דאס איז א כלי וואס איז געווען אין בית המקדש **שֶׁאוֹפִין בּוֹ מִנְחָה עַל הָאוּר בְּשֶׁמֶן** וואס מ'באקט אין דעם א מנחה אויפן פייער אין אויל, **וְהַכְּלִי אֵינוֹ עָמוֹק** און די כלי איז נישט טיף **אֶלָּא צָף** נאר עס איז פלאך, און דאס אויל צעשפרייט זיך ביז צו די זוימען פון די כלי, צוליב דעם וואס די ווענט זענען נידריג, **וּמַעֲשֵׂה הַמִּנְחָה שֶׁבְּתוֹכוֹ קָשִׁין** און דאס געבעקס פון די מנחה אין די כלי איז הארט, **שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁהִיא צָפָה** ווייל וויבאלד די כלי איז פלאך **הָאוּר שׂוֹרֵף אֶת הַשֶּׁמֶן** פארברענט די פייער דעם אויל [ממילא ווערט די מנחה הארט], **וְכוּלָּן טְעוּנוֹת שָׁלֹשׁ מַתְּנוֹת שֶׁמֶן** און אלע מנחות דארפן האבן דריי מאל געגעבן שמן, **יְצִיקָה** ארייננגיסן אויל אין די מנחה, צום סוף פארן קמיצה, **וּבְלִילָה** און מישן אויל מיטן מעל פון די מנחה, **וּמַתַּן שֶׁמֶן בִּכְלִי קוֹדֶם לַעֲשִׂיָּיתָן** און דאס ארייינגעבן אביסל אויל אין די כלי פאר מ'הייבט אָן צו מאכן די מנחה:

**סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן. מְלַמֵּד שֶׁבּוֹלְלָן בְּעוֹדָן סֹלֶת** דער פסוק לערנט אונז, אז מ'מישט די מנחה מיטן אויל ווען עס איז נאך פיין מעל [און נישט נאכן באקן אזויווי די יציקה איז]:

(ו) **פָּתוֹת אוֹתָהּ פִּתִּים. לְרַבּוֹת כָּל הַמְּנָחוֹת** עס קומט פארמערן אלע מנחות **הַנֶּאֱפוֹת קוֹדֶם קְמִיצָה** וואס ווערן געבאקן בעפאר מ'מאכט די קמיצה **לִפְתִיתָה** אז מען דארף עס צעברעקלען:

**וְיָצַקְתָּ עָלֶיהָ שָׁמֶן מִנְחָה הִוא. לְרַבּוֹת כָּל הַמְּנָחוֹת לִיצִיקָה** עס קומט פארמערן אז אלע מנחות דארף מען אנגיסן מיט אויל, **יָכוֹל אַף מִנְחַת מַאֲפֵה תַנּוּר כֵּן** וואלט איך געוואלט מיינען אז אויך די מנחה מאפה תנור זאל מען מאכן די אויבנדערמאנטע דריי מתנות, **תַּלְמוּד לוֹמַר** שטייט אין פסוק **עָלֶיהָ** אויף איר, אויף די מנחה על המחבת [גיסט מען אויל], אבער אויף די מנחה מאפה תנור מאכט מען נישט קיין יציקה, **אוֹצִיא אֶת הַחַלּוֹת וְלֹא אוֹצִיא אֶת הָרְקִיקִין** וואלט איך געוואלט מיינען אז מ'איז ממעט נאר די חלות פון מאפה תנור, אבער נישט די רקיקין [ווייל דער פסוק רעדט כסדר פון חלות בלולות], **תַּלְמוּד לוֹמַר הִוא** שטייט אין פסוק נאך א מיעוט הִוא נאר זי, קומט עס ממעט זיין אויך די רקיקין, אז זיי דארפן אויך נישט קיין יציקה:

### ביאור מקרא

(ז) **וְאִם מִנְחַת מַרְחֶשֶׁת** און אויב א מנחה וואס ווערט געבאקן אין א טיפער פאן **קָרְבָּנֶךָ** איז דיין קרבן **סֹלֶת** פיין מעל **בַּשֶּׁמֶן** מיט אויל **תֵּעָשֶׂה** זאל זי ווערן געמאכט:

(ח) **וְהֵבֵאתָ** און דו זאלסט ברענגען **אֶת הַמִּנְחָה** די מנחה **אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה** וואס וועט ווערן געמאכט **מֵאֵלֶּה** פון די דאזיגע **לַה'** צו השי"ת **וְהִקְרִיבָהּ** און ער [דער בעה"ב] זאל איר דערנענטערן **אֶל הַכֹּהֵן** צום כהן **וְהִגִּישָׁהּ** און ער [דער כהן] זאל איר דערנענטערן **אֶל הַמִּזְבֵּחַ** צו דעם מזבח:

(ט) **וְהֵרִים הַכֹּהֵן** און דער כהן זאל אפשיידן **מִן הַמִּנְחָה** פון די מנחה **אֶת אַזְכָּרָתָהּ** איר געדענקעניש [דער קומץ] **וְהִקְטִיר** און ער זאל (עס) מקטיר זיין **הַמִּזְבֵּחָה** אויפן מזבח **אִשֵּׁה** א פייער קרבן [איז עס] **רֵיחַ נִיחֹחַ** א געשמאקער גערוך **לַה'** צו השי"ת:

## תורה (ויקרא ב, ו-ט)

מִנְחָתָא הִיא: ס שלישי ז **וְאִם־מִנְחַת**
**מַרְחֶשֶׁת קָרְבָּנֶךָ סֹלֶת בַּשֶּׁמֶן תֵּעָשֶׂה:**
וְאִם מִנְחָתָא דְרַדְתָּא, קוּרְבָּנָךְ. סוּלְתָּא בִּמְשַׁח, תִּתְעֲבֵיד:
ח **וְהֵבֵאתָ אֶת־הַמִּנְחָה אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה**
**מֵאֵלֶּה לַיהוָה וְהִקְרִיבָהּ אֶל־הַכֹּהֵן**
**וְהִגִּישָׁהּ אֶל־הַמִּזְבֵּחַ:** וְתַיְתֵי יָת מִנְחָתָא דְיִתְעֲבֵיד
מֵאִלֵּין, קֳדָם יְיָ. וִיקָרְבִינַהּ לְכַהֲנָא, וִיקָרְבִינַהּ לְמַדְבְּחָא:
ט **וְהֵרִים הַכֹּהֵן מִן־הַמִּנְחָה אֶת־אַזְכָּרָתָהּ**
**וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ**
**לַיהוָה:** וְיַפְרֵישׁ כַּהֲנָא מִן מִנְחָתָא, יָת אַדְכַּרְתַּהּ, וְיַסֵּיק
לְמַדְבְּחָא. קוּרְבַּן דְּמִתְקַבַּל בְּרַעֲוָא קֳדָם יְיָ:

### רש"י

(ז) **מרחשת.** כלי הוא שהיה במקדש עמוק, ומתוך שהיא עמוקה שמנה צבור ואין האור שורפו, לפיכך מעשה מנחה העשויין לתוכה רוחשין, כל דבר רך על ידי משקה נראה כרוחש ומנענע (מנחות סג.): (ח) **אשר יעשה מאלה.** מאחד מן המינים הללו: **והקריבה.** בעליה אל הכהן: **והגישה.** הכהן: **אל המזבח.** מגישה לקרן דרומית מערבית של מזבח: (ט) **את אזכרתה.** היא הקומץ:

### ביאור רש"י

(ז) **מַרְחֶשֶׁת. כְּלִי הוּא שֶׁהָיָה בַּמִּקְדָּשׁ** דאס איז א כלי וואס איז געווען אין בית המקדש **עָמוֹק** וואס איז געווען א טיפע כלי, **וּמִתּוֹךְ שֶׁהִיא עֲמוּקָּה** און וויבאלד זי איז טיף **שַׁמְנָהּ צָבוּר** איז איר אויל צוזאמגענומען **וְאֵין הָאוּר שׂוֹרְפוֹ** און דאס פייער פארברענט נישט דעם אויל, **לְפִיכָךְ מַעֲשֵׂה מִנְחָה הָעֲשׂוּיִין לְתוֹכָהּ** דערפאר איז די מנחה וואס איז אריינגעגעבן אין איר **רוֹחֲשִׁין** שווימעדיג אויף די אויל, אזוי אז עס זעט אויס ווי עס קריכט. **כָּל דָּבָר רַךְ** יעדע ווייכע זאך **עַל יְדֵי מַשְׁקֶה** דורך א פליסיגע זאך **נִרְאֶה כְּרוֹחֵשׁ וּמְנַעֲנֵעַ** זעט עס אויס ווי עס קריכט און עס שאקלט זיך:

(ח) **אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה מֵאֵלֶּה. מֵאֶחָד מִן הַמִּינִים הַלָּלוּ** פון איינעם פון די סארט מנחות:

**וְהִקְרִיבָהּ. בְּעָלֶיהָ אֶל הַכֹּהֵן** דער בעל הבית פון די מנחה זאל עס דערנענטערן צום כהן:

**וְהִגִּישָׁהּ. הַכֹּהֵן** דער כהן זאל עס דערנענטערן:

**אֶל הַמִּזְבֵּחַ. מַגִּישָׁהּ לְקֶרֶן דְּרוֹמִית מַעֲרָבִית שֶׁל מִזְבֵּחַ** ער דערנענטערט עס צום ווינקל פון דרומית מערבית פון מזבח:

(ט) **אֶת אַזְכָּרָתָהּ. הִיא הַקּוֹמֶץ** דאס איז די קומץ, וואס מ'נעמט אראפ פון די מנחה און מ'איז עס מקטיר אויפן מזבח:

## נביאים

להמשיך מנ"ה דז"א צבאות - נפש, צ צב צבא צבאו צבאות - רוח, יהוה - נשמה דנצח, אדני - נשמה דהוד, יְהֹוִהְ - חיה יחידה דנצח, יֱהֱוֱהֱ - חיה יחידה דהוד, אל שם ב"ן שבעשיה

## נביאים (ישעיה מד יד-יח)

### ביאור מקרא

**דער** נביא האט געברענגט אין די פריערדיגע פסוקים ווי שטארק דער געצן-דינער שטרענגט זיך אן צו מאכן אן אפגאט פון מעטאל און האלץ, און ער שטעלט ווייטער פאָר ווי אזוי מען מאכט די אפגעטער פון די האלץ פון וואלד, און ער לאכט

## נביאים (ישעיה מד יד-יח)

יד לִכְרָת־לוֹ אֲרָזִים וַיִּקַּח תִּרְזָה וְאַלּוֹן וַיְאַמֶּץ־לוֹ
בַּעֲצֵי־יָעַר נָטַע אֹרֶן וְגֶשֶׁם יְגַדֵּל: לְמִקַּץ לֵיהּ אַרְזִין,
וּנְסִיב תְּרַז וּבְלוּט, וּמַתְקֵיף לֵיהּ בְּאָעֵי חוּרְשָׁא. נְצַב אוּרְנָא,
וּמִטְרָא יְרַבֵּי: טו וְהָיָה לְאָדָם לְבָעֵר וַיִּקַּח מֵהֶם וַיָּחָם
אַף־יַשִּׂיק וְאָפָה לָחֶם אַף־יִפְעַל־אֵל וַיִּשְׁתָּחוּ
עָשָׂהוּ פֶסֶל וַיִּסְגָּד־לָמוֹ: וְהָוֵי לֶאֱנָשָׁא לְאַדְלָקָא, וּנְסֵיב
מִנְּהוֹן וּשְׁחֵין, אַף אֲזָא וַאֲפָא לְחֵם. אַף עַבְדֵיהּ דַּחֲלָא וּסְגִיד,
אַתְקֵיהּ צַלְמָא וּבְעָא מִנֵּיהּ: טז חֶצְיוֹ שָׂרַף בְּמוֹ־אֵשׁ
עַל־חֶצְיוֹ בָּשָׂר יֹאכֵל יִצְלֶה צָלִי וְיִשְׂבָּע אַף־יָחֹם וְיֹאמַר הֶאָח חַמּוֹתִי רָאִיתִי
אוּר: פַּלְגֵיהּ אוֹקִיד בְּנוּרָא, עַל פַּלְגֵיהּ בִּסְרָא אָכִיל, טְוָא טָוֵי וְסָבַע. אַף שְׁחִין וַאֲמַר אָח, שְׁחֵינִית,
חֲזֵיתִי נוּר: יז וּשְׁאֵרִיתוֹ לְאֵל עָשָׂה לְפִסְלוֹ (יסגוד) יִסְגָּד־לוֹ וְיִשְׁתַּחוּ וְיִתְפַּלֵּל אֵלָיו
וְיֹאמַר הַצִּילֵנִי כִּי אֵלִי אָתָּה: וּשְׁאָרֵיהּ לְדַחֲלָא עֲבַד, לְצַלְמָא. סָגִיד לֵיהּ וְאִשְׁתַּעְבַּד לֵיהּ, וּבְעָא
מִנֵּיהּ וַאֲמַר, שֵׁיזְבָנִי, אֲרֵי דְּחַלְתִּי אָתְּ: יח לֹא יָדְעוּ וְלֹא יָבִינוּ כִּי טַח מֵרְאוֹת עֵינֵיהֶם
מֵהַשְׂכִּיל לִבֹּתָם: לָא יָדְעִין וְלָא מִסְתַּכְּלִין. אֲרֵי מְטַמְטְמָן מִלְּמֶחֱזֵי עֵינֵיהוֹן, מִלְּאִסְתַּכָּלָא בְּלִבְּהוֹן:

### רש"י

(יד) **תרזה ואלון.** מיני אילני סרק: **ויאמץ לו בעצי יער.** עושה לו חיזוקים, בין לחיזוק, בין לנוי במיני עלים המשונים זה מזה במראיהן: **נטע אורן.** כשמואל ייחור ונֶטַע הראוי לכך, נוטעו לכך, והגשם מגדלו: **אורן.** לשון נֶטַע יונק, פרנצו"ן בלע"ז: (טו) **והיה לאדם לבער.** והיה אותו עץ, מקלתו לצרכי אדם לבער: **ויקח.** מן העלים: **ויחם.** גופו לנגדם: **אף ישיק.** מהם תנור ואפה לחם: **אף יפעל אל.** מן הנותר:

### ביאור מקרא

אויף די נארישקייט פון די וואס דינען עבודה זרה וואס זייער הארץ איז פארשטאפט און פארשטייען נישט אז עס איז נישטא אין דעם קיין וועזנטליכקייט [ממשות].

(יד) **לִכְרָת לוֹ אֲרָזִים.** דער מייסטער דארף גיין שניידן צעדערביימער. **וַיִּקַּח תִּרְזָה וְאַלּוֹן.** און ער נעמט די ביימער וואס רופן זיך "תרזה" און "אלון". **וַיְאַמֶּץ לוֹ בַּעֲצֵי יָעַר.** און ער פארשטארקט אים און באשיינט אים מיט פארשידענע העלצער פון וואלד. **נָטַע אֹרֶן וְגֶשֶׁם יְגַדֵּל.** ער פלאנצט א פלאנצונג און דער רעגן מאכט עס וואקסן:

(טו) **וְהָיָה לְאָדָם לְבָעֵר.** און פון דעם בוים איז א חלק פארן מענטש - צו ברענען. **וַיִּקַּח מֵהֶם וַיָּחָם.** און ער נעמט דערפון און דערוואַרעמט זיך. **אַף יַשִּׂיק וְאָפָה לָחֶם.** אויך הייצט ער דערפון דעם אויוון און באקט ברויט. **אַף יִפְעַל אֵל וַיִּשְׁתָּחוּ.** אויך מאכט ער פון דעם זעלבן האלץ אן אפגאט און בוקט זיך. **עָשָׂהוּ פֶסֶל וַיִּסְגָּד לָמוֹ.** ער מאכט דערפון א געטשקע און בוקט זיך צו דעם:

(טז) **חֶצְיוֹ שָׂרַף בְּמוֹ אֵשׁ.** א העלפט פון דעם פארברענט ער אין פייער. **עַל חֶצְיוֹ בָּשָׂר יֹאכֵל.** אויף אן אנדער העלפט עסט ער פלייש. **יִצְלֶה צָלִי וְיִשְׂבָּע.** ער בראט פלייש און זעטיגט זיך. **אַף יָחֹם.** אויך דערוואַרעמט ער זיך. **וְיֹאמַר הֶאָח חַמּוֹתִי רָאִיתִי אוּר.** און ער זאגט: ווי גוט, איך האב זיך דערוואַרעמט און הנאה געהאט פון זען די ליכטיגקייט:

(יז) **וּשְׁאֵרִיתוֹ לְאֵל עָשָׂה.** און פון זיין איבריגע האלץ מאכט ער אן אפגאט. **לְפִסְלוֹ יִסְגָּד לוֹ וְיִשְׁתַּחוּ.** פאר זיין געטשקע זיך צו בוקן צו אים. **וְיִתְפַּלֵּל אֵלָיו וְיֹאמַר.** און ער בעט צו אים און זאגט. **הַצִּילֵנִי כִּי אֵלִי אָתָּה.** ראטעווע מיר, ווייל דו ביסט מיין גאט:

(יח) **לֹא יָדְעוּ וְלֹא יָבִינוּ.** זיי ווייסן נישט און פארשטייען נישט. **כִּי טַח מֵרְאוֹת עֵינֵיהֶם.** ווייל זייערע אויגן זענען פארשטאפט פון צו זען. **מֵהַשְׂכִּיל לִבֹּתָם.** און זייערע הערצער זענען פארמאכט פון זיך צו קליגן און פארשטיין:

## כתובים

להמשיך מיסוד ומלכות דז"א שין דלת יוד - נפש, שין שין דלת שין דלת יוד - רוח, **יאהדונהי** - נשמה דיסוד, **א אד אדנ אדני** - נפש, **אדני** - רוח, **אלף דלת נון יוד** - נשמה דמלכות, **יו הו וו הו** - חיה יחידה דיסוד, **יְהֹוָה** - חיה יחידה דמלכות, אל שם ב"ן שבעשיה

## כתובים (משלי כב ה-ט)

### ביאור מקרא

**נאכדעם** וואס שלמה המלך האט דא דערמאנט אז דער רייכער האט זיך נישט וואס גרויסצוהאלטן מיט זיין רייכקייט, ווארנט ער אויך אויף די קרומקייט וואס ליגט אין דעם דאזיגן וועג. דעריבער זאל מען געוואוינען די יונגע קינדער ביי זייער

## כתובים (משלי כב ה-ט)

ה צְנִּים פַּחִים בְּדֶרֶךְ עִקֵּשׁ שׁוֹמֵר נַפְשׁוֹ יִרְחַק
מֵהֶם: נִשְׁבָּא בְּאָרְחָא עֲקִימְתָּא, וּמַן דְּנָטֵר נַפְשֵׁיהּ יִרְחַק מִנְּהוֹן
: ו חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל־פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי־יַזְקִין לֹא־יָסוּר
מִמֶּנָּה: אַדְרְכָא לְטַלְיָא לְקֳבֵל אוֹרְחֵיהּ, דְּלָא כַּד נְסוּב נִסְטֵי
מִנֵּיהּ: ז עָשִׁיר בְּרָשִׁים יִמְשׁוֹל וְעֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ
מַלְוֶה: עַתִּירָא בְּמִסְכְּנֵי נִשְׁתַּלַּט, וְעַבְדָּא יוֹזִיף לְגַבְרָא מוֹזְפָנָא:
ח זוֹרֵעַ עַוְלָה (יקצור) יִקְצָר־אָוֶן וְשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ
יִכְלֶה: דְּזָרֵיעַ עַוְלָא נֶחְצַד עָאֲתָא, וְשִׁבְטָא דְחֶרְיָנֵיהּ נִגְמוֹר:
ט טוֹב־עַיִן הוּא יְבֹרָךְ כִּי־נָתַן מִלַּחְמוֹ לַדָּל: מַן
דְּטָבָא הוּא עַיְנֵיהּ הוּא נִתְבְּרַךְ, מְטוּל דְּיָהֵיב מִן לַחְמֵיהּ
לְמִסְכֵּינָא:

## רש״י

(ה) **צנים פחים**. כמו לנינים בלדיכם (במדבר לג נה), ובאו עליך הוצן (יחזקאל כג כד) לשון גדודים ולסטים. לנים פחים הם טמונים בדרכי המעקש דרכיו, כלומר יסורים מוכנים לו: **שומר נפשו ירחק מהם**. שמיישר מעשיו, ינלל מהם: (ו) **חנוך לנער**. לפי מה שתלמד לנער ותחנכהו בדברים אם לטוב אם לרע, גם כי יזקין לא יסור ממנה: (ז) **עשיר ברשים ימשול**. עם הארץ לריך לתלמיד חכם לעולם: (ח) **זורע עולה יקצר און**. לפי זריעתו קלירתו, לפי פעולתו יהיה קבלת משכורתו. **(ושבט עברתו יכלה**. קנה השבולת שלו כלה והולך לו. יש אומרים שבט חמתו שרודה בני אדם, כלה והולך לו לפי שמפסיד את יכולתו (ס״א אינו)**)**:

## ביאור מקרא

אנהייב וועג זיי זאלן זיך היטן דערפון, אזוי אז ווען זיי וועלן עלטער ווערן זאלן זיי זיך אויך קענען אפהיטן. דער אמת'ער רייכער, איז דער וואס איז געבענטשט געווארן מיט קלוגשאפט און פארשטאנד אין די תורה, וואס מיט זיין טאלאנט און זיין גוט-אויג קען ער שפייזן די ארעמעלייט און זיי קליגן, אבער אויב ער וועט זיך באניצן מיט זיין פארשטאנד צו שלעכטס, וועט ער צוריק באקומען ווי זיין שלעכטס.

(ה) **צִנִּים פַּחִים בְּדֶרֶךְ עִקֵּשׁ**. גרופעס פון רויבער זענען באהאלטן אין וועג פון דער וואס גייט אין פארקרימטן וועג [יסורים זענען פאר אים גרייט]. **שׁוֹמֵר נַפְשׁוֹ יִרְחַק מֵהֶם**. דער וואס היט זיין זעל [ער גייט אין גלייכן וועג], דערווייטערט זיך פון זיי [פון די שטראפן]:

(ו) **חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ**. געוואוין דעם יונגן קינד לויט זיין וועג [ווי אזוי דו וועסט אים מחנך זיין, אזוי וועט ער זיך פירן]. **גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה**. אויך ווען ער וועט אלט ווערן וועט ער נישט אפטרעטן פון דעם וועג:

(ז) **עָשִׁיר בְּרָשִׁים יִמְשׁוֹל**. דער רייכער הערשט איבער די ארעמעלייט, [דער עם הארץ דארף אייביג צוקומען צום תלמיד חכם]. **וְעֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה**. און א קנעכט איז דער וואס בארגט - צום מענטש וואס פארבארגט:

(ח) **זוֹרֵעַ עַוְלָה יִקְצָר אָוֶן**. דער וואס זייט איין אומרעכט, דער וועט שניידן אומרעכט [לויט זיינע מעשים, אזוי איז זיין באצאלונג]. **וְשֵׁבֶט עֶבְרָתוֹ יִכְלֶה**. און דער שטעקן פון זיין צארן [וואס ער באהערשט דערמיט אנדערע], וועט פארלענדעט ווערן:

(ט) **טוֹב עַיִן הוּא יְבֹרָךְ**. דער וואס האט א גוטע אויג, דער ווערט געבענטשט פון השי״ת. **כִּי נָתַן מִלַּחְמוֹ לַדָּל**. ווייל ער האט געגעבן פון זיין ברויט פאר אן ארעמאן:

## משנה

כלי אמצעי דהוד דמלכות דיצירה **א אל אלה אלהי אלהים**

## משנה (מנחות פרק י)

## ביאור משנה

**כדי** צו פאַרשטיין די משנה און דעם גאַנצן פרק וואָס לערנט די הלכות וועגן עומר, וועלן מיר דאָ געבן עטליכע ערקלערונגען וועגן עומר: די תורה זאָגט (ויקרא כ״ג פסוקים י-טז), אַז "ממחרת השבת", צומאָרגנס פון שבת יעדעס יאָר ווען די תבואה ווערט געצייטיגט דאַרף מען ברענגען אַ קרבן אַן "עומר", אַ בינטל תבואה און ביזן דאָזיגן טאָג ווען מען ברענגט דעם עומר, טאָר קיינער נישט עסן קיין נייע תבואה, דאָס הייסט תבואה וואָס איז געוואַקסן היינטיגס-יאָר. פון די קבלה, וואָס די חכמים האָבן געהאַט, ווערן געלערנט עטליכע זאַכן. ערשטנס, אַז דעם דאָזיגן עומר מיינט אויך דער פסוק אין ויקרא ב' י״ד (ואם תקריב מנחת בכורים), און אַז מען דאַרף ברענגען דעם עומר פון די נייע גערשטן, וועלכער איז געוואַקסן היינטיגס-יאָר. צווייטנס, אַז מיטן וואָרט "שבת" אין פסוק "ממחרת השבת", צומאָרגנס פון שבת, מיינט מען נישט צומאָרגנס פון שבת דעם זיבעטן טאָג אין וואָך, נאָר מען מיינט צומאָרגנס פון יום טוב פסח, און יום טוב ווערט

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י) מברטנורא

**א** רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹמֵר, הָעֹמֶר הָיָה בָא בַשַּׁבָּת מִשָּׁלֹשׁ סְאִין, וּבַחֹל מֵחָמֵשׁ. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, אֶחָד בַּשַּׁבָּת וְאֶחָד בַּחֹל, מִשָּׁלֹשׁ הָיָה בָא. רַבִּי חֲנִינָא סְגַן הַכֹּהֲנִים אוֹמֵר, בַּשַּׁבָּת הָיָה נִקְצָר בְּיָחִיד וּבְמַגָּל אַחַת וּבְקֻפָּה אֶחָת. וּבַחֹל, בִּשְׁלֹשָׁה וּבְשָׁלֹשׁ קֻפּוֹת וּבְשָׁלֹשׁ מַגָּלוֹת. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, אֶחָד בַּשַּׁבָּת וְאֶחָד בַּחֹל, בִּשְׁלֹשָׁה וּבְשָׁלֹשׁ קֻפּוֹת וּבְשָׁלֹשׁ מַגָּלוֹת:

**(א) רבי ישמעאל אומר העומר היה בא בשבת.** כשחל ששה עשר בניסן להיות בשבת, העומר דוחה את השבת, שכל קרבן שזמנו קבוע דוחה את השבת ואת הטומאה. והיה העומר בא משלש סאין, שהיו קוצרין שלש סאין שעורין ומניפין אותן בנפה עד שמעמידין אותן על עשרון אחד מובחר: **ובחול.** אם חל ט"ז בניסן להיות בחול, היו קוצרין אותו חמש סאין, דסבר רבי ישמעאל עשרון מובחר בלא טרחא שאינו מנפה אותו כל כך אתי מחמש, בטרחא כשמנפה אותו הרבה אתי משלש. בחול מייתינן מחמש, שכך משובח הדבר יותר שמניפין מכל סאה מעט אותו סולת דק היוצא ראשון שהוא מובחר, ומוציאין מחמש סאין עשרון. בשבת מביא שלש, מוטב שירבה במלאכה אחת שרוקד שלש סאים פעמים הרבה, ואל ירבה במלאכות הרבה שיקצור ויברור ויטחון וירקד שני סאין יותר, ואין הלכה כרבי ישמעאל: **בשלשה בני אדם ובשלש קופות ובשלש מגלות.** לפרסם הדבר שקצירת העומר במוצאי חמשה עשר בניסן. מפני הצדוקים שהיו אומרים שאין העומר בא אלא באחד בשבת:

## ביאור משנה

אויך אָנגערופן שבת. און אַזויוי פסח איז דעם פופצנטן טאָג אין ניסן, איז "ממחרת השבת", דער זעכצנטער טאָג אין ניסן, און דעמאָלטס דאַרף מען ברענגען דעם עומר.

דער "עומר" איז געווען איין עשרון מעל (אַ צענטל פון אַן איפה, און אַן איפה איז דריי סאה). אָבער כדי צו האָבן גוטע מעל פאַר דעם עומר, האָט מען אָפּגעשניטן פון פעלד דריי סאה גערשטן, און מען האָט זיי צעמאָלן און דורכגעזיפּט אַזוי פיל און אַזוי גוט, ביז עס איז געבליבן דערפון נאָר איין צענטל מעל, און דאָס איז געווען דער עומר. מען האָט געשניטן די דריי סאה גערשטן אין דער נאַכט פון פופצנטן טאָג אין ניסן אויף דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן. אפילו אויב ביינאַכט איז געווען שבת (דער זעכצנטער טאָג אין ניסן איז געפאַלן אום שבת) האָט מען אויך אָפּגעשניטן פון פעלד דעם גערשטן, און דערנאָך אים צעמאָלן און געזיפּט, ווייל אפילו דאָס אָפּשניידן און צעמאָלן און זיפּן דעם עומר איז "דוחה שבת", עס שטופּט אַוועק דעם איסור פון צו טון אַ מלאכה אום שבת.

### משנה א

**רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹמֵר**, ר' ישמעאל זאָגט, **הָעֹמֶר** דער עומר **הָיָה בָא בַשַּׁבָּת** האָט מען געברענגט [אויך] אום שבת [אויב דער זעכצנטער טאָג אין ניסן איז געווען אום שבת] **מִשָּׁלֹשׁ סְאִין**, פון דריי סאה [תבואה, מען האָט אָפּגעשניטן נישט מער ווי דריי סאה גערשטן] **וּבַחֹל** און אינדערוואָכן [אויב דער זעכצנטער טאָג אין ניסן איז אויסגעפאַלן אינדערוואָכן] **מֵחָמֵשׁ**. פון פינף, [מען האָט אָפּגעשניטן פינף סאה גערשטן און פון זיי אַרויסבאַקומען דעם "עשרון" מעל פאַר דעם עומר]. – אום שבת האָט מען געשניטן ווייניגער כדי מען זאָל נישט דאַרפן טון מער אַרבעטן ביי אַסאַך מלאכות ווי שניידן און קלייבן דעם גערשטן, אפילו מען וועט דאַרפן מער זיפּן (טון איין מלאכה מער). **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים**, און די חכמים זאָגן, **אֶחָד בַּשַּׁבָּת** סיי אום שבת **וְאֶחָד בַּחֹל**, און סיי אינדערוואָכן, **מִשָּׁלֹשׁ הָיָה בָא**. האָט מען אים [דעם עומר] געברענגט פון דריי [סאה, מען האָט אָפּגעשניטן פון פעלד נאָר דריי סאה]. **רַבִּי חֲנִינָא סְגַן הַכֹּהֲנִים אוֹמֵר**, ר' חנינא דער סגן פון די כהנים [דער געהילף פון כהן גדול] זאָגט, **בַּשַּׁבָּת** אום שבת [אויב דער זעכצנטער טאָג אין ניסן איז געווען אום שבת] **הָיָה נִקְצָר בְּיָחִיד** האָט מען אָפּגעשניטן דורך איין מענטש [די גערשטן פון וועלכע מען האָט געברענגט דעם עומר פון פעלד האָט נאָר איין מענטש געשניטן] **וּבְמַגָּל אַחַת** און מיט איין שנייד־מעסער [מיט וועלכן מען שניידט אָפּ תבואה] **וּבְקֻפָּה אֶחָת**. און אַריין אין איין קויש. **וּבַחֹל**, און אינדערוואָכן [אויב דער זעכצנטער טאָג אין ניסן איז געווען אין אַ וואָכן־טאָג, האָט מען עס געשניטן] **בִּשְׁלֹשָׁה** דורך דריי [מענטשן] **וּבְשָׁלֹשׁ קֻפּוֹת** און [מען האט עס געלייגט] אין דריי קוישן **וּבְשָׁלֹשׁ מַגָּלוֹת**. און [מען האט עס געשניטן] מיט דריי שנייד־מעסערס. **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים**, און די חכמים זאָגן, **אֶחָד בַּשַּׁבָּת** סיי אום שבת [אויב עס איז געפאַלן דער זעכצנטן טאָג פון ניסן אין שבת] **וְאֶחָד בַּחֹל**, און סיי [אויב עס איז געפאַלן] אינדערוואָכן, [האָט מען עס געשניטן] **בִּשְׁלֹשָׁה** דורך דריי [מענטשן] **וּבְשָׁלֹשׁ קֻפּוֹת** און [מען האָט עס געלייגט] אין דריי קוישן **וּבְשָׁלֹשׁ מַגָּלוֹת**. און [מען האט עס געשניטן] מיט דריי שנייד־מעסערס – דער טעם איז, ווייל אין דער צייט פון דעם צווייטן בית המקדש זענען געווען

## משנה (מנחות פרק י)

**ב** מִצְוַת הָעֹמֶר לָבוֹא מִן הַקָּרוֹב. לֹא בִכֵּר הַקָּרוֹב לִירוּשָׁלַיִם, מְבִיאִים אוֹתוֹ מִכָּל מָקוֹם. מַעֲשֶׂה שֶׁבָּא מִגַּגּוֹת צְרִיפִין וּשְׁתֵּי הַלֶּחֶם מִבִּקְעַת עֵין סוֹכֵר: **ג** כֵּיצַד הָיוּ עוֹשִׂים. שְׁלוּחֵי בֵית דִּין יוֹצְאִים מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב, וְעוֹשִׂין אוֹתוֹ כְּרִיכוֹת בִּמְחֻבָּר לַקַּרְקַע, כְּדֵי שֶׁיְּהֵא נוֹחַ לִקְצוֹר. וְכָל הָעֲיָרוֹת הַסְּמוּכוֹת לְשָׁם, מִתְכַּנְּסוֹת לְשָׁם, כְּדֵי שֶׁיְּהֵא נִקְצָר בְּעֵסֶק גָּדוֹל. כֵּיוָן שֶׁחֲשֵׁכָה, אוֹמֵר לָהֶם, בָּא הַשֶּׁמֶשׁ,

### רבינו עובדיה

**(ב) מצות העומר לבוא מן הקרוב.** ממקום שקרוב לירושלים. לפי שאין מעבירין על המצות, הלכך כשיוצא מירושלים לבקש עומר, אותה תבואה שמוצא ראשונה נוטלה: **לא ביכר.** לא בשל כל צרכו: **מעשה שבא מגגות צריפין ועין סוכר.** רחוקים מירושלים הרבה. מפני שהחריבו הגייסות כל

### מברטנורא

תבואות שסביבות ירושלים: **(ג) כריכות.** כורכים וקושרים ראשי שבלים מלוא אגרוף: **מתכנסות לשם.** למוצאי יום טוב כשקוצרים אותו: **כדי שיהא נקצר בעסק גדול.** בקול המולה גדולה. שיכירו הצדוקים שבמוצאי יום טוב קוצרים אותו משום דאינהו לא מודו בהאי, כדלקמן: **אמר להן.** הקוצר, לבני העיירות

## ביאור משנה

ביי אידן גרופעס מענטשן מיטן נאָמען "צדוקים", און "ביתוסים", וועלכע האָבן געהאַלטן פון די תורה שבכתב (פון תנ"ך) אָבער נישט פון די תורה שבעל פה, וואָס די חכמים האָבן געהאַלטן בקבלה פון משה רבנו אויפן באַרג סיני. די צדוקים האָבן געטייטשט די ווערטער "ממחרת השבת", נישט "צומאָרגנס פון דעם ערשטן טאָג יום טוב פסח", דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן, נאָר "צומאָרגנס פון שבת" – זונטאג, און זיי האָבן געהאַלטן, אַז דעם עומר דאַרף מען שניידן און ברענגען זונטאג נאָך פסח. די חכמים האָבן געוואָלט דערווייטערן זייער שטאַרק פון די דעה פון די צדוקים, און דערפאַר, כדי מען זאָל מפרסם זיין וואָס מער, אַז מען ברענגט דעם עומר דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן, האָט מען דעריבער מוצאי יום טוב (אין דער נאַכט פון דעם פופצנטן טאָג אין ניסן אויף דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן) געשניטן דעם גערשטן פאַרן עומר דורך דריי מענטשן און מיט דריי שנייד-מעסערס און עס געלייגט אין דריי קוישן:

### משנה ב

**מִצְוַת הָעֹמֶר** די מצוה פון עומר, [איז] **לָבוֹא מִן הַקָּרוֹב**. צו ברענגען [דער עומר], פון דערנאָנט [פון גערשטן וואָס וואַקסט אין אַ נאָענטן אָרט נעבן ירושלים]. – דער טעם איז, ווייל "אין מעבירין על המצוות", מען טאָר נישט אַריבערגיין איבער אַ מצוה, און דערפאַר טאָר מען נישט אַריבערגיין איבער דעם פעלד וואָס איז נאָענט צו ירושלים און נישט מקיים זיין דאָרט די מצוה פון שניידן גערשטן פאַר דעם עומר. **לֹא בִכֵּר הַקָּרוֹב לִירוּשָׁלַיִם**, אויב עס איז נאָכנישט געצייטיגט געווען נאָענט צו ירושלים [עס איז נאָכנישט געווען אויף די פעלדער אַרום ירושלים קיין געצייטיגטע גערשטן], **מְבִיאִים אוֹתוֹ מִכָּל מָקוֹם**. קען מען עס ברענגען פון יעדן אָרט. – מען דאַרף וויסן, אַז אינעם זעכצנטן טאָג אין ניסן איז נאָכנישט געצייטיגט דער גערשטן איבעראַל אין ארץ ישראל. **מַעֲשֶׂה** עס איז אַמאָל געווען אַ מעשה **שֶׁבָּא מִגַּגּוֹת צְרִיפִין**, אַז מען האָט געברענגט [דעם גערשטן פאַר דעם עומר] פון [די פעלדער ביי] גגות צריפין, **וּשְׁתֵּי הַלֶּחֶם** און [דעם ווייץ פאַר] די שתי הלחם [די צוויי חלות וואָס מען ברענגט אום שבועות, האָט מען געברענגט] **מִבִּקְעַת עֵין סוֹכֵר** פון דעם טאָל עין סוכר. – די סיבה איז געווען ווייל די גוי'שע מיליטער האט חרוב געמאַכט די פעלדער אַרום ירושלים:

### משנה ג

**כֵּיצַד הָיוּ עוֹשִׂים**. וויאַזוי האָבן זיי געטון [וויאַזוי איז פאָרגעקומען דאָס שניידן דעם גערשטן פאַר דעם עומר?] **שְׁלוּחֵי בֵית דִּין יוֹצְאִים מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב**, שלוחים פון בית דין זענען אַרויסגעגאַנגען [אויפן פעלד] ערב יום טוב [פאַר פסח], **וְעוֹשִׂין אוֹתוֹ כְּרִיכוֹת** און האָבן עס געמאַכט בינטלעך [די תבואה זאַנגען] **בִּמְחֻבָּר לַקַּרְקַע**, ווען זיי זענען נאָך באַהאָפטן צו דער ערד, **כְּדֵי שֶׁיְּהֵא נוֹחַ לִקְצוֹר**. כדי עס זאָל זיין באַקוועם צו שניידן [כדי מען זאָל מוצאי יום טוב ביים שניידן נישט דאַרפן פאַרלירן קיין צייט]. **וְכָל הָעֲיָרוֹת הַסְּמוּכוֹת לְשָׁם**, און [מענטשן פון] אַלע שטעטלעך וועלכע זענען נאָענט צו דאָרט [נישט ווייט פון פעלד], **מִתְכַּנְּסוֹת לְשָׁם**, זענען זיך צוזאַמגעקומען אַהין [פאַר מוצאי יום טוב, (איידער עס איז געוואָרן די נאַכט פון פופצנטן טאָג אין ניסן אויפן זעכצנטן טאָג אין ניסן)], **כְּדֵי שֶׁיְּהֵא נִקְצָר בְּעֵסֶק גָּדוֹל**. כדי מען זאָל עס שניידן מיט אַ גרויסער אויפרודערונג. – "בעסק גדול", מיט אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס מער מענטשן זאָלן וויסן דערפון. דאָס איז אַלץ געווען קעגן די צדוקים וואָס האָבן געהאַלטן אַז מען ברענגט דעם עומר דוקא אום זונטאג, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א'. **כֵּיוָן שֶׁחֲשֵׁכָה**, ווען עס איז געוואָרן פינסטער [עס איז געוואָרן מוצאי יום טוב אָוונט], **אוֹמֵר לָהֶם**, האָט ער [יעדער פון די מענטשן וועלכע האָבן געדאַרפט שניידן די תבואה] געזאָגט צו זיי [צו די פאַרזאַמלטע מענטשן פון די שטעטלעך], **בָּא הַשֶּׁמֶשׁ**, צי איז שוין די זון

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י) מברטנורא

אוֹמְרִים הֵין. בָּא הַשֶּׁמֶשׁ, אוֹמְרִים הֵין. מַגָּל זוֹ, אוֹמְרִים הֵין. מַגָּל זוֹ, אוֹמְרִים הֵין. קֻפָּה זוֹ, אוֹמְרִים הֵין. קֻפָּה זוֹ, אוֹמְרִים הֵין. בְּשַׁבָּת אוֹמֵר לָהֶם, שַׁבָּת זוֹ, אוֹמְרִים הֵין. שַׁבָּת זוֹ, אוֹמְרִים הֵין. אֶקְצוֹר, וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ קְצוֹר. אֶקְצוֹר, וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ קְצוֹר. שָׁלֹשׁ פְּעָמִים עַל כָּל דָּבָר וְדָבָר, וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ הֵין, הֵין, הֵין. וְכָל כָּךְ לָמָּה, מִפְּנֵי הַבַּיְתוֹסִים, שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים, אֵין קְצִירַת הָעֹמֶר בְּמוֹצָאֵי יוֹם טוֹב:

העומדים עליו, בא השמש, ואמרו לו הין: **מגל זה.** כלומר, אקצור התבואה במגל זה: **קופה זו.** אכניס התבואה לתוך קופה זו: **שבת זו.** אקצור בשבת זו, ואמרו לו הין: **שלש פעמים.** שואל להן כל דבר ודבר: **וכל כך.** שהיה שואל, למה: **מפני הצדוקים וביתוסים שהיו אומרים אין קצירת העומר במוצאי יום טוב.** אלא במוצאי שבת, דכתיב (ויקרא כג, טו) וספרתם לכם ממחרת השבת, ממחרת שבת בראשית משמע, ומסורת בידינו מאבותינו דהאי ממחרת השבת, היינו ממחרת יום טוב ראשון של פסח בין שחל בחול בין בשבת. וכן מצינו בספר יהושע (ה, יא) ויאכלו מעבור הארץ ממחרת הפסח מצות וקלי, והרי נאמר בתורה (ויקרא כג, יד) ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה, ומאחר שתלה היתר החדש במחרת הפסח הדבר ברור שמחרת הפסח הוא המתיר את החדש וכו קוצרים העומר בין שחל יום טוב ראשון של פסח בחול בין שחל להיות בשבת. ולפיכך הקוצרים מגביהין קולם כדי שישמעו הבייתוסים ולהוציא מלבן. וקוצרים העומר בלילה ולא ביום, דכתיב וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם וגו' שבע שבתות תמימות תהיינה, ואי אפשר להיות תמימות אלא אם כן מתחיל למנות מתחלת הלילה, שהרי הלילה תחלת היום הוא, והרי הוא אומר (דברים טז, ט) מהחל חרמש בקמה תחל לספור, אלמא הקצירה בלילה הוא בשעה שמתחיל למנות:

**ביאור משנה**

אונטערגעגאַנגען? **אוֹמְרִים הֵין.** און זיי [די מענטשן] האָבן געענטפערט "יאָ". [די תבואה־שניידער פרעגן] **בָּא הַשֶּׁמֶשׁ,** צי איז שוין די זון אונטערגעגאַנגען? [און די מענטשן] **אוֹמְרִים הֵין.** האָבן געענטפערט "יאָ". [די תבואה־שניידער פרעגן: צי איז שוין די זון אונטערגעגאַנגען? און די מענטשן האָבן געענטפערט "יאָ". זיי האָבן געפרעגט דריי מאָל, און די אַנדערע האָבן געענטפערט דריי מאָל. יעצט פרעגן די תבואה־שניידער ווידער דריי מאָל:] **מַגָּל זוֹ,** מיט דעם דאָזיגן שנייד־מעסער [זאָלן מיר שניידן? און די מענטשן] **אוֹמְרִים הֵין.** ענטפערן "יאָ". **מַגָּל זוֹ,** מיט דעם דאָזיגן שנייד־מעסער [זאָלן מיר שניידן?] **אוֹמְרִים הֵין.** און זיי ענטפערן "יאָ". [מיט דעם דאָזיגן מעסער זאָלן מיר שניידן? און זיי ענטפערן "יאָ" – דריי מאָל. דערנאָך פרעגן זיי ווידער דריי מאָל:] **קֻפָּה זוֹ,** [זאָלן מיר אַריינלייגן די תבואה] אינעם דאָזיגן קויש? **אוֹמְרִים הֵין.** און זיי ענטפערן "יאָ". **קֻפָּה זוֹ,** אינעם דאָזיגן קויש? **אוֹמְרִים הֵין.** און זיי ענטפערן "יאָ". [אינעם דאָזיגן קויש? און זיי ענטפערן "יאָ" – דריי מאָל]. **בְּשַׁבָּת** אויב עס איז אום שבת **אוֹמֵר לָהֶם,** פרעגט ער [יעדער פון די תבואה־שניידער:] **שַׁבָּת זוֹ,** אינעם דאָזיגן שבת [זאָלן מיר שניידן?] **אוֹמְרִים הֵין.** און זיי ענטפערן "יאָ". **שַׁבָּת זוֹ,** אינעם דאָזיגן שבת? **אוֹמְרִים הֵין.** און זיי ענטפערן "יאָ". [אינעם דאָזיגן שבת? און זיי ענטפערן "יאָ" – דריי מאָל]. **אֶקְצוֹר,** זאָל איך שניידן? **וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ קְצוֹר.** און זיי ענטפערן "שנייד". **אֶקְצוֹר,** זאָל איך שניידן? **וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ קְצוֹר.** און זיי ענטפערן "שנייד". [זאָל איך שניידן? און זיי ענטפערן "שנייד" – דריי מאָל]. [יעצט זאָגט די משנה:] **שָׁלֹשׁ פְּעָמִים עַל כָּל דָּבָר וְדָבָר,** דריי מאָל [פרעגן די תבואה־שניידער] אויף יעדע זאַך, **וְהֵם אוֹמְרִים לוֹ** און זיי [די פאַרזאַמלטע מענטשן פון די שטעטלעך אַרום] ענטפערן אים **הֵין, הֵין, הֵין.** "יאָ" "יאָ" "יאָ". [דאָס הייסט דריי מאָל יאָ]. **וְכָל כָּךְ לָמָּה,** און צו וואָס האָט מען געדאַרפט דאָס אַלעס האָבן [דעם גאַנצן ענין פון זיך איינזאַמלען בעסק גדול און פרעגן און ענטפערן פיל מאָל? ענטפערט די משנה: מען האָט עס געטון] **מִפְּנֵי הַבַּיְתוֹסִים,** צוליב די ביתוסים, **שֶׁהָיוּ אוֹמְרִים,** וועלכע האָבן געזאָגט, [אַז] **אֵין קְצִירַת הָעֹמֶר** מען שניידט נישט [דעם גערשטן פאַר] דעם עומר **בְּמוֹצָאֵי יוֹם טוֹב.** אין מוצאי יום טוב – ווי מיר האָבן ערקלערט פריער אין משנה א' האָבן די כיתות צדוקים און ביתוסים געהאַלטן אַז דעם עומר דאַרף מען ברענגען נישט דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן (צומאָרגנס פון דעם ערשטן טאָג פסח) נאָר זונטאג נאָך פסח, און דעריבער האָט מען געמאַכט אַזאַ פירסום:

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י) מברטנורא

**(ד) מהבהבין אותו באור.** בעודו בשיבלין, כדי לקיים בו מצות קלי, כדכתיב (ויקרא ב, יד) אביב קלוי באש, ובמנחת העומר איירי קרא: **וחכמים אומרים.** תחלה חובטים. ולא כדרך תבואה יבשה שחובטים אותו במקל, אלא בקנים לחים: **ובקליחות.** בקלח של כרוב, כדי שלא יתמעך. ואחר כך מקיימין בו מצות קלי: **נתנוהו לאבוב.** דסבירא להו לרבנן שאם מהבהבים אותו באור ממש אין נקרא קלי, שאין נקרא קלי אלא על ידי דבר אחר דהיינו על ידי כלי, שנותנים אותו באבוב, והוא כלי של נחושת מנוקב שמוכרי קליות קולין בו. והלכה כחכמים: **ברחיים של גרוסות.** שאין טוחנות דק אלא עבה. שאם יטחנו יפה יעברו הסובין של קליפה בנפה עם הסולת. וגרוסות לשון גריסין של פול, ועל שם כן נקראת גרש כרמל: **וחייב בחלה.** דחיוב חלה היינו גלגול העיסה, וגלגול עיסה זו ביד

ד קְצָרוּהוּ וּנְתָנוּהוּ בְּקֻפּוֹת, הֱבִיאוּהוּ לָעֲזָרָה, הָיוּ מְהַבְהֲבִין אוֹתוֹ בָאוּר, כְּדֵי לְקַיֵּם בּוֹ מִצְוַת קָלִי, דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, בְּקָנִים וּבִקְלִיחוֹת חוֹבְטִים אוֹתוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְמָעֵךְ. נְתָנוּהוּ לָאֵבוּב, וְאֵבוּב הָיָה מְנֻקָּב, כְּדֵי שֶׁיְּהֵא הָאוּר שׁוֹלֵט בְּכֻלּוֹ. שְׁטָחוּהוּ בָעֲזָרָה, וְהָרוּחַ מְנַשֶּׁבֶת בּוֹ. נְתָנוּהוּ בָרֵחַיִם שֶׁל גָּרוֹסוֹת, וְהוֹצִיאוּ מִמֶּנּוּ עִשָּׂרוֹן שֶׁהוּא מְנֻפֶּה מִשְּׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה נָפָה, וְהַשְּׁאָר נִפְדֶּה וְנֶאֱכָל לְכָל אָדָם, וְחַיָּב בַּחַלָּה,

## ביאור משנה

### משנה ד

**קְצָרוּהוּ** מען האָט עס [דעם גערשטן] אָפּגעשניטן **וּנְתָנוּהוּ בְקֻפּוֹת**, און מען האָט עס [די תבואה זאַנגען מיט די גערשטן] אַריינגעלייגט אין קוישן, **הֱבִיאוּהוּ לָעֲזָרָה**, און מען האָט עס געברענגט צום הויף פונעם בית המקדש, **הָיוּ מְהַבְהֲבִין אוֹתוֹ בָאוּר**, [דאָרט] האָט מען עס [די תבואה זאַנגען מיט די גערשטן] אָפּגעברענט אין פייער **כְּדֵי לְקַיֵּם בּוֹ מִצְוַת קָלִי**, כדי מקיים צו זיין מיט אים די מצוה פון אָפּברענען, **דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר**. אַזוי זאָגט ר׳ מאיר. – מיר האָבן פריער געזאָגט אין משנה א׳, אַז די חכמים טייטשן אַז דער פסוק אין ויקרא ב׳ ”ואם מנחת בכורים“ גייט אַרויף אויף דעם עומר, און דאָרט שטייט אַז עס זאָל זיין ”קלוי באש“, אָפּגעברענט אין פייער. און דעריבער האָט מען אָפּגעברענט דעם גערשטן אין פייער ווען עס איז נאָך געווען אין די זאַנגען. **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים**, און די חכמים זאָגן, **בְּקָנִים** מיט פייכטע שטעקלעך **וּבִקְלִיחוֹת** און מיט קרויט וואָרצלען **חוֹבְטִים אוֹתוֹ**, [צוערשט] האָט מען עס [דעם גערשטן] אַרויסגעקלאַפּט [פון די זאַנגען] **כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְמָעֵךְ**. כדי עס [דער גערשטן] זאָל נישט צעקוועטשט ווערן [אויב מען וועט אים אַרויסקלאַפּן מיט האַרטע טרוקענע שטעקענעס]. **נְתָנוּהוּ לָאֵבוּב**, און מען האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ ברענער־כלי, **וְאֵבוּב הָיָה מְנֻקָּב**, און די ברענער־כלי איז געווען געלעכערט [און מען האָט געלייגט פייער אַרום דער ברענער־כלי], **כְּדֵי שֶׁיְּהֵא הָאוּר שׁוֹלֵט בְּכֻלּוֹ**. כדי דאָס פייער זאָל עס [דעם גערשטן] אינגאַנצן אַרומנעמען. – לויט די חכמים האָט מען די זאַנגען מיט גערשטן נישט ממש אַריינגעלייגט אין פייער, נאָר מען האָט אַריינגעלייגט דעם גערשטן אין דעם געלעכערטן ”אבוב“ (אַזאַ כלי, אין וועלכן מען האָט אָפּגעברענט קערנדלעך) און עס דורכגעפירט דורך פייער. **שְׁטָחוּהוּ בָעֲזָרָה**, [דערנאָך] האָט מען עס [דעם גערשטן] אויסגעשפרייט אין הויף פונעם בית המקדש, **וְהָרוּחַ מְנַשֶּׁבֶת בּוֹ**. און דער ווינט האָט עס דורכגעבלאָזן [כדי עס זאָל ווערן גוט טרוקן]. **נְתָנוּהוּ** [דערנאָך] האָט מען עס [דעם גערשטן] אַריינגעלייגט **בָרֵחַיִם שֶׁל גָּרוֹסוֹת**, אין אַ מילעכל פון גרויפּן [און מען האָט עס צעמאָלן] – מיט ”רחיים של גרוסות“, אַ מילעכל פון גרויפּן, מיינט מען, אַזאַ מילעכל אין וועלכן מען צעמאָלט באָנדלעך עס זאָל ווערן גרויפּן, און דאָס צעמאָלן איז נישט אויף שטאַרק דינע מעל, נאָר אויף גראָבע מעל. דאָס האָט מען געטון, כדי די קלייען (סובין) פון די גערשטן-שאָלאַכץ זאָלן זיך נישט אויסמישן מיטן מעל. **וְהוֹצִיאוּ מִמֶּנּוּ עִשָּׂרוֹן** און מען האָט אַרויסבאַקומען פון דעם [פון די דריי סאה גערשטן] איין עשרון [מעל, איין פופצנטל פון די דריי סאה] **שֶׁהוּא מְנֻפֶּה** ווייל עס איז געווען געזיפּט [דער גערשטן פון דריי סאה איז געווען געזיפּט] **מִשְּׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה נָפָה**, מיט דרייצן זיפּן [דערפאַר איז געבליבן נאָר איין עשרון, דער דאָזיגע עשרון מעל איז געווען דער עומר]. **וְהַשְּׁאָר** און דאָס איבערגעבליבענע [מעל, נאָכדעם וואָס מען האָט אַראָפּגענומען דערפון דעם עשרון פאַר דעם עומר] **נִפְדֶּה** האָט מען אויסגעלייזט – ווייל עס איז דאָך אינגאַנצן געווען הקדש, עס האָט געהערט צום בית המקדש, ווייל מען האָט דאָך עס געקויפט פון געלט פון דער בית המקדש. דעריבער האָט מען עס צוריק אויסגעלייזט פאַר געלט, כדי עס זאָל ווערן אויס הקדש. **וְנֶאֱכָל לְכָל אָדָם**, און דאָס [האָבן יעצט אַלע מענטשן געקענט עסן], [ווייל מען האָט דאָך עס שוין אויסגעלייזט]. **וְחַיָּב בַּחַלָּה**, און דאָס [איבעריגע מעל]

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י) מברטנורא

**ופטור מן המעשרות. רבי עקיבא מחייב בחלה ובמעשרות. בא לו לעשרון, ונתן שמנו ולבונתו, יצק, ובלל, הניף, והגיש, וקמץ, והקטיר, והשאר נאכל לכהנים: ה משקרב העמר, יוצאין ומוצאין שוק ירושלים שהוא מלא קמח וקלי שלא ברצון חכמים, דברי רבי מאיר. רבי יהודה אומר, ברצון חכמים היו עושים. משקרב העמר, התר החדש מיד,**

הדיוט היא לאחר שנפדה: **ופטור מן המעשרות.** דמירוחו ביד הקדש הוא ומירוח הקדש פוטר מן המעשרות: **רבי עקיבא מחייב.** האי קמח הנותר מעשרון של עומר **בחלה ובמעשרות** לפי שלא נתנו מעות הקדש אלא בצריך להם לעשרון לבד, אבל האחר לא קדש, הילכך לאו מירוח הקדש הוא, דהא לא קדוש. ואין הלכה כרבי עקיבא: **בא לו לעשרון.** נותן תחלה שמנו ולבונתו קודם נתינת הסולת: **יצק ובלל.** לאחר נתינת הסולת, כדרך כל המנחות שנותן שמן בכלי תחלה ואחר כך נותן סולת וחוזר ויוצק עליה שמן ובולל: **הניף והגיש.** דמנחת העומר טעונה הנפה והגשה, כדאמרינן בפרק כל המנחות: **(ה) שלא ברצון חכמים.** דגזרי שמא יאכל מן החדש כשקוצר קודם שיקריבו העומר, וזה שכבר הוא קמח ודאי נקצר קודם העומר: **רבי יהודה אומר ברצון חכמים.** דלא גזרו שמא יאכל כשקוצר. והלכה כרבי יהודה:

**ביאור משנה**

איז מחויב אין חלה [מען דאַרף אַראָפנעמען דערפון חלה], **וּפָטוּר מִן הַמַּעַשְׂרוֹת.** און עס איז פטור פון מעשר [קיין תרומה און מעשרות דאַרף מען דערפון נישט אַראָפנעמען]. – דער טעם איז, ווייל אין תרומה און מעשרות ווערט מחויב תבואה ווען מען גלעט עס צו, מען מאַכט עס ריין, מען נעמט אַראָפּ פון באַרג תבואה די סובין, די קלייען, (און דאָס ווערט אָנגערופן מירוח), און אַזויווי דעמאָלטס איז דאָך עס געווען הקדש, איז עס פטור פון תרומה און מעשרות אפילו שפעטער ווען מען האָט עס אויסגעלייזט. אָבער חלה ווערט מען מחויב אַראָפצונעמען ווען עס ווערט טייג, און דעמאָלטס איז דאָך עס שוין געווען אויסגעלייזט, דעריבער דאַרף מען יאָ אַראָפנעמען חלה. **רַבִּי עֲקִיבָא מְחַיֵּב בַּחַלָּה וּבַמַּעַשְׂרוֹת.** ר׳ עקיבא איז מחייב אַראָפצונעמען חלה און מעשרות. – ווייל ר׳ עקיבא האַלט, אַז מען האָט באַלד געהאַט געקויפט פאַר הקדש-געלט נישט מער ווי דעם עשרון וואָס מען וועט אַראָפנעמען, און ממילא איז אויסגעקומען אַז די איבריגע מעל איז געווען פון גערשטן וואָס איז נישט גלייך געווען הקדש, נישט געהערט צום בית המקדש. **בָּא לוֹ לָעִשָּׂרוֹן,** ער [דער וואָס האָט זיך פאַרנומען דערמיט] איז צוגעגאַנגען צום עשרון [מעל, וואָס איז אַראָפגענומען געוואָרן פאַר דעם עומר], **וְנָתַן שַׁמְנוֹ** און ער האָט אַריינגעלייגט [אַביסל אויל [אין דער כלי איידער ער האָט אַריינגעלייגט דאָרט דאָס מעל, און דערנאָך האָט ער אַריינגעלייגט דאָס מעל] **וּלְבוֹנָתוֹ,** און [ער האָט געלייגט אין זייט] די לבונה־בשמים, **יָצַק,** [דערנאָך] האָט ער אַרויפגעגאָסן [מער אויל אויף דעם מעל], **וּבָלַל,** און ער האָט אויסגעמישט, **הֵנִיף,** און אויפגעהויבן [תנופה], **וְהִגִּישׁ,** און צוגעטראָגן [צום דרום מערב ווינקל פון מזבח], **וְקָמַץ,** און [דערנאָך] האָט ער [אַ כהן] קומץ געווען [אַראָפגענומען דעם קומץ, אַ פולע האַנט מעל געמישט מיט אויל], **וְהִקְטִיר,** און ער [דער כהן] האָט מקטיר געווען [פאַרברענט אויפן מזבח דעם קומץ], **וְהַשְּׁאָר** און דאָס איבריגע [מעל מיט אויל וואָס איז געבליבן נאָכן אַראָפנעמען דעם קומץ] **נֶאֱכָל לַכֹּהֲנִים.** האָבן די כהנים געגעסן – דאָס אַלעס, פון דעם אַריינלייגן דעם אויל און ווייטער איז פאָרגעקומען שוין נישט ביינאַכט, נאָר צומאָרגנס, ווען עס איז שוין געווען טאָג דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן:

## משנה ה

**מִשֶּׁקָּרַב הָעֹמֶר,** ווי נאָר מען האָט מקריב געווען דעם עומר, **יוֹצְאִין** איז מען אַרויסגעגאַנגען [פון בית המקדש אין שטאָט אַריין] **וּמוֹצְאִין שׁוּק יְרוּשָׁלַיִם** און מען האָט געפינען דעם מאַרק אין ירושלים **שֶׁהוּא מָלֵא קֶמַח וְקָלִי** ווי עס איז פול געווען [צום פאַרקויפן] מעל און געברענטע זאַנגען **שֶׁלֹּא בִרְצוֹן חֲכָמִים,** נישט מיט דעם ווילן פון די חכמים [די חכמים האָבן נישט מסכים געווען דערצו], **דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר.** אַזוי זאָגט ר׳ מאיר. – דאָס איז געווען מעל און אָפגעברענטע זאַנגען פון די נייע תבואה (חדש), און מען האָט עס נאָך געשניטן איידער מען האָט מקריב געווען דעם עומר, און דעריבער זענען די חכמים נישט צופרידן געווען דערפון, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער מען וועט עסן פון די נייע תבואה איידער מען האָט מקריב געווען דעם עומר, און דאָס טאָר מען דאָך נישט, ווי מיר האָבן געלערנט פריער אין משנה א׳. **רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר,** ר׳ יהודה זאָגט, **בִּרְצוֹן חֲכָמִים הָיוּ עוֹשִׂים.** זיי האָבן עס געטון מיט דעם ווילן [מיט די הסכמה] פון די חכמים [ווייל מען האָט נישט מורא טאָמער מען וועט עסן דערפון פאַרן מקריב זיין דעם עומר]. **מִשֶּׁקָּרַב הָעֹמֶר,** ווען מען האָט שוין מקריב געווען דעם עומר, **הֻתַּר הֶחָדָשׁ מִיָּד,** האָט מען געמעגט [עסן] נייע [תבואה]

## משנה (מנחות פרק י)

וְהָרְחוֹקִים מֻתָּרִים מֵחֲצוֹת הַיּוֹם וּלְהַלָּן. מִשֶּׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הִתְקִין רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי, שֶׁיְּהֵא יוֹם הֶנֵף כֻּלּוֹ אָסוּר. אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, וַהֲלֹא מִן הַתּוֹרָה הוּא אָסוּר, שֶׁנֶּאֱמַר (ויקרא כג, יד) עַד עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה. מִפְּנֵי מָה הָרְחוֹקִים מֻתָּרִים מֵחֲצוֹת הַיּוֹם וּלְהַלָּן, מִפְּנֵי שֶׁהֵן יוֹדְעִין שֶׁאֵין בֵּית דִּין מִתְעַצְּלִין בּוֹ:

## רבינו עובדיה מברטנורא

**והרחוקים**. שאין יודעים אם עדיין קרב העומר: **מותרים מחצות היום ולהלן**. כדקתני טעמא לקמן: **שיהא יום הנף**. יום ששה עשר בניסן שבו מניפין את העומר: **כולו אסור**. לאכול בו חדש: **אמר רבי יהודה**. לתנא דמתניתין, וכי רבן יוחנן התקין: **והלא מן התורה אסור**. בזמן שאין בית המקדש קיים. דתרי קראי כתיבי, כתוב אחד אומר (ויקרא כג, יד) עד עצם היום הזה, דמשמע דעצמו של יום כולו אסור דעד ועד בכלל, וכתוב אחד אומר (שם) עד הביאכם את קרבן אלהיכם, דמשמע דלאחר קרבן העומר מותר, הא כיצד, כאן בזמן שבית המקדש קיים, כאן בזמן שאין בית המקדש קיים. אלמא בזמן שאין בית המקדש קיים שאין העומר קרב הוי יום הנף כולו אסור מן התורה. ומשני בגמרא דהא דתנן התקין רבן יוחנן בן זכאי שיהא יום הנף כולו אסור, לא תימא התקין אלא דרש והתקין, כלומר שדרש מקראות הללו כדרים והודיעם שכך הדין שיום הנף כולו אסור מן התורה משחרב בית המקדש. ואית דמפרשי בגמרא, שאין החדש אסור מן התורה ביום ט"ז בניסן בזמן שאין מקדש אלא עד שיאיר פני המזרח שחרית ביום ט"ז, דכתיב עד עצם היום הזה, עד ולא עד בכלל, והתקין רבן יוחנן בן זכאי שיהא יום הנף כולו אסור, משום מהרה יבנה בית המקדש ויאמרו אשתקד מי לא הוה אכלינן משהאיר המזרח, השתא נמי ניכול, והן אינן יודעים דבזמן המקדש אסור לאכול חדש עד שיקריב העומר, דכתיב עד הביאכם את קרבן אלהיכם. והכי מפרשינן לה בפרק לולב הגזול:

## ביאור משנה

גלייך, **וְהָרְחוֹקִים** און די ווייטע [מענטשן, וועלכע האָבן געוואוינט אין ערטער וואָס זענען ווייט פון ירושלים] **מֻתָּרִים** האָבן געמעגט [אָנהייבן עסן פון די נייע תבואה] **מֵחֲצוֹת הַיּוֹם וּלְהַלָּן**. ערשט פון האַלבן טאָג אָן. – ווייל זיי האָבן דאָך נישט געוואוסט, צי מען האָט שוין מקריב געווען דעם עומר. אָבער פון האַלבן טאָג אָן, האָבן אויך זיי געמעגט, ווייל, ווי די משנה וועט ווייטער זאָגן, האָט בית דין אַכטונג געגעבן אין בית המקדש, אַז מען זאָל מקריב זיין דעם עומר נישט שפּעטער פון האַלבן טאָג. **מִשֶּׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ**, פון זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, **הִתְקִין רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי**, האָט רבן יוחנן בן זכאי מתקן געווען **שֶׁיְּהֵא יוֹם הֶנֵף כֻּלּוֹ אָסוּר**. אַז דער גאַנצער "טאָג פון אויפהייבונג" זאָל זיין אסור [דער זעכצנטער טאָג אין ניסן, ווען מען האָט אין בית המקדש מקריב געווען און דערביי אויפגעהויבן – תנופה – דעם עומר, זאָל מען נישט טאָרן עסן פון די נייע תבואה]. – מען זאָל דעם גאַנצן זעכצנטן טאָג אין ניסן נישט עסן קיין נייע תבואה, און מען זאָל מעגן אָנהייבן עסן חדש, נייע תבואה, ערשט דעם זיבעצנטן טאָג אין ניסן. רבן יוחנן בן זכאי איז געווען אין דער צייט פון חורבן פון צווייטן בית המקדש און ער האָט דעמאָלטס אַריבערגעטראָגן די גרויסע ישיבה פון ירושלים קיין יבנה. **אָמַר רַבִּי יְהוּדָה**, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, **וַהֲלֹא מִן הַתּוֹרָה הוּא אָסוּר**, עס איז שוין אסור מן התורה [די תורה זאָגט דאָך אַז דער גאַנצער זעכצנטער טאָג אין ניסן איז אסור ווען עס איז נישט דאָ דער בית המקדש], **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל עס שטייט [דאָך] אין פסוק (ויקרא כג, יד), **עַד עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה**. ביז דעם סאַמע דאָזיגן טאָג. – און ר׳ יהודה האַלט, אַז "עד" מיינט "עד בכלל", איינשליסלעך, אַז אויך דער זעכצנטער טאָג איז אסור, און דאָס וואָס דער פסוק (ויקרא כ"ג) זאָגט "עד הביאכם את קרבן אלהיכם, ביז איר וועט ברענגען דעם קרבן (דעם עומר) פאַר אייער גאָט", מיינט, אַז נאָר ווען דער בית המקדש שטייט, ווערט מותר צו עסן נייע תבואה (חדש) ווען מען האָט מקריב געווען דעם עומר. די גמרא זאָגט (לויט איין טייטש), אַז רבן יוחנן בן זכאי האַלט "עד ולא עד בכלל", און ממילא איז פון "עד עצם היום הזה" געדרינגען, אַז ווען דאָס בית המקדש איז נישט דאָ, מעג מען עסן חָדָש פון דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן אינדערפרי (האיר המזרח), און נאָר ווען דאָס בית המקדש איז געווען האָט מען נישט געטאָרט עסן חדש ביז נאָכן מקריב זיין דעם עומר. און רבן יוחנן בן זכאי האָט איינגעפירט די תקנה אַז מען זאָל נאָכן חורבן פון בית המקדש נישט עסן חדש אַ גאַנצן טאָג, צוליב "מהרה יבנה בית המקדש", אינגיכן וועט דאָס בית המקדש אויפגעבויט ווערן, און מענטשן קענען אויך דעמאָלטס מיינען אַז מען מעג נאָך אַלץ עסן חדש פון אינדערפרי אָן, אפילו פאַרן מקריב זיין דעם עומר, דעריבער אסר'ט מען יעצט אַ גאַנצן טאָג. **מִפְּנֵי מָה הָרְחוֹקִים מֻתָּרִים** פאַרוואָס מעגן ווייטע [מענטשן וועלכע וואוינען אין ערטער ווייט פון ירושלים, אין די צייט פון בית המקדש, עסן חדש] **מֵחֲצוֹת הַיּוֹם וּלְהַלָּן**, פון האַלבן טאָג אָן? **מִפְּנֵי שֶׁהֵן יוֹדְעִין** ווייל זיי ווייסן **שֶׁאֵין בֵּית דִּין מִתְעַצְּלִין בּוֹ**. אַז

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י) מברטנורא

ו הָעֹמֶר הָיָה מַתִּיר בַּמְּדִינָה וּשְׁתֵּי הַלֶּחֶם בַּמִּקְדָּשׁ. אֵין מְבִיאִין מְנָחוֹת וּבִכּוּרִים וּמִנְחַת בְּהֵמָה קֹדֶם לָעֹמֶר. וְאִם הֵבִיא, פָּסוּל. קֹדֶם לִשְׁתֵּי הַלֶּחֶם, לֹא יָבִיא. וְאִם הֵבִיא, כָּשֵׁר: ז הַחִטִּים וְהַשְּׂעוֹרִים וְהַכֻּסְּמִין וְשִׁבֹּלֶת שׁוּעָל וְהַשִּׁיפוֹן, חַיָּבִין בַּחַלָּה, וּמִצְטָרְפִין זֶה עִם זֶה, וַאֲסוּרִים בֶּחָדָשׁ מִלִּפְנֵי הַפֶּסַח, וּמִלִּקְצוֹר מִלִּפְנֵי הָעֹמֶר. וְאִם הִשְׁרִישׁוּ קֹדֶם לָעֹמֶר, הָעֹמֶר מַתִּירָן. וְאִם לָאו, אֲסוּרִים עַד שֶׁיָּבֹא עֹמֶר הַבָּא:

**(ו) העומר היה מתיר במדינה.** לאכול החדש בכל המקומות: **ושתי הלחם במקדש.** שקודם שתי הלחם אין מביאין מנחה מתבואה חדשה, דכתיב בשתי הלחם (במדבר כח, כו) מנחה חדשה, שתהא חדשה לכל המנחות: **ומנחת בהמה.** מנחת נסכים של בהמה: **ואם הביא.** קודם לעומר: **פסול.** שלא הותר החדש מכללו אפילו אצל ההדיוט. אבל קודם שתי הלחם לא יביא: **ואם הביא כשר.** שכבר הותר מכללו אצל ההדיוט: **(ז) ומצטרפין זה עם זה.** להשלים שיעור העיסה החייבת בחלה. ולא שיצטרפו כולן יחד, דמין בשאינו מינו אין מצטרף, אלא החטין מצטרפין עם הכוסמין בלבד מפני שהן מינן, והשעורים מצטרפין עם הכל חוץ מן החיטים. ואע״ג דכוסמין מין חטין הן, לאו מין חטין דוקא, אלא מין שעורים ואף מין חטים, ומצטרפין עם החטים והשעורים. ומיהו בירושלמי משמע דאם נלושו יחד מצטרפין, אפילו מין בשאינו מינו. אבל אם לא נלושו יחד אלא שאחר כך היו נושכות העיסות זו בזו, מין במינו מצטרפין, שלא במינו אין מצטרפין: **ואסורים בחדש.** כדכתיב (ויקרא כג, יד) ולחם וקלי וכרמל לא תאכלו עד עצם היום הזה, וגמרינן לחם לחם מפסח, מה להלן מחמשת המינים אף כאן מחמשת המינים: **ומלקצור מלפני הפסח.** שאסור לקצור מאחד מחמשת המינים קודם קצירת העומר. דכתיב בעומר (שם, פס׳ י) ראשית קצירכם, שתהא תחלה לכל הנקצרים, ואתיא ראשית ראשית מחלה, כתיב התם (במדבר טו, כ) ראשית עריסותיכם, וכתיב הכא ראשית קצירכם, מה להלן מחמשת המינים אף כאן מחמשת המינים: **ואם השרישו.** אחד מחמשת המינים הללו קודם קצירת העומר: **העומר מתירן.** ומותר לקצרן אחר קצירת העומר. דכתיב (שמות כג, טז) אשר תזרע בשדה, משעה שנזרע ונשרש בשדה: **ואם לאו.** שלא השרישו אלא לאחר קצירת העומר: **אסורים עד שיבוא העומר הבא.** של שנה הבאה:

## ביאור משנה

דער בית דין פוילט זיך נישט דערביי – ווי מיר האָבן ערקלערט פריער, אַז דאָס בית דין גיבט אַכטונג אַז מען זאָל מקריב זיין דעם עומר פרי:

### משנה ו

**הָעֹמֶר הָיָה מַתִּיר** [דאָס מקריב זיין] דעם עומר האָט מתיר געמאַכט, [אַז מען זאָל מעגן עסן נייע תבואה] **בַּמְּדִינָה** אין לאנד [אַז מענטשן זאָלן שוין מעגן עסן נייע תבואה], – "מדינה", אין לאַנד, מיינט דאָ אומעטום, אויסער אין בית המקדש, **וּשְׁתֵּי הַלֶּחֶם** און [דאָס ברענגען] די צוויי חלות [אין בית המקדש שבועות, וואָס מען האָט זיי געברענגט פון די נייע ווייץ], **בַּמִּקְדָּשׁ.** [האָט מתיר געמאַכט צו ברענגען מנחות און ביכורים פון נייע תבואה] אין בית המקדש. – אָבער אין די זיבן וואָכן פון עומר (דעם זעכצנטן טאָג אין ניסן) ביז שבועות האָט מען אין בית המקדש נישט געברענגט מנחות און ביכורים פון נייע תבואה. **אֵין מְבִיאִין** מען טאָר נישט ברענגען [פון נייע תבואה] **מְנָחוֹת וּבִכּוּרִים** מנחות און ביכורים **וּמִנְחַת בְּהֵמָה** און [אויך נישט] מנחת בהמה [אַ מנחה וואָס מען ברענגט צוזאַמען מיט אַ קרבן בהמה] **קֹדֶם לָעֹמֶר.** פאַר [דעם מקריב זיין] דעם עומר. **וְאִם הֵבִיא,** און אויב מען האָט געברענגט, **פָּסוּל.** איז עס פסול [ווייל דעמאָלטס טאָרן דאָך אויך מענטשן נישט עסן קיין נייע תבואה]. **קֹדֶם לִשְׁתֵּי הַלֶּחֶם,** פאַר [דעם מקריב זיין אום שבועות] די צוויי חלות, [אָבער נאָכן עומר] **לֹא יָבִיא.** טאָר מען נישט ברענגען [מנחות, ביכורים, און מנחת נסכים פון נייע תבואה]. **וְאִם הֵבִיא,** און אויב מען האָט געברענגט, **כָּשֵׁר.** איז כשר [ווייל מענטשן מעגן שוין דעמאָלטס עסן נייע תבואה]:

### משנה ז

**הַחִטִּים** ווייץ **וְהַשְּׂעוֹרִים** און גערשטן **וְהַכֻּסְּמִין** און שפעלץ **וְשִׁבֹּלֶת שׁוּעָל** און האָבער **וְהַשִּׁיפוֹן,** און קאָרן, **חַיָּבִין בַּחַלָּה,** זענען מחויב אין חלה, **וּמִצְטָרְפִין זֶה עִם זֶה,** און זיי ווערן צונויפגענומען איינער מיט דעם אַנדערן [כדי צו מחויב ווערן אין חלה], **וַאֲסוּרִים בֶּחָדָשׁ** און זיי זענען אסור אין חדש [נייע תבואה] **מִלִּפְנֵי הַפֶּסַח,** פון פאַר פסח, **וּמִלִּקְצוֹר** און צו שניידן די תבואה **מִלִּפְנֵי הָעֹמֶר.** פאַר דעם עומר. **וְאִם הִשְׁרִישׁוּ** און אויב זיי זענען איינגעוואָרצלט געוואָרן [אין פעלד] **קֹדֶם לָעֹמֶר,** פאַרן [מקריב זיין דעם] עומר, **הָעֹמֶר מַתִּירָן.** איז זיי דער עומר מתיר. **וְאִם לָאו,** און אויב נישט, **אֲסוּרִים** זענען זיי אסור **עַד שֶׁיָּבֹא עֹמֶר הַבָּא.** ביז דעם קומענדיגן עומר:

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י) מברטנורא

ח קוֹצְרִים בֵּית הַשְּׁלָחִים שֶׁבָּעֲמָקִים, אֲבָל לֹא גוֹדְשִׁין. אַנְשֵׁי יְרִיחוֹ קוֹצְרִין בִּרְצוֹן חֲכָמִים, וְגוֹדְשִׁין שֶׁלֹּא בִרְצוֹן חֲכָמִים, וְלֹא מִחוּ בְיָדָם חֲכָמִים. קוֹצֵר לַשַּׁחַת, וּמַאֲכִיל לַבְּהֵמָה. אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, אֵימָתַי, בִּזְמַן שֶׁהִתְחִיל עַד שֶׁלֹּא הֵבִיאָה שְׁלִישׁ. רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, אַף יִקְצוֹר וְיַאֲכִיל אַף מִשֶּׁהֵבִיאָה שְׁלִישׁ: ט קוֹצְרִין מִפְּנֵי הַנְּטִיעוֹת,

(ח) **קוצרים בית השלחים שבעמקים**. שתבואתן רעה ואין מביאין עומר משם. ותניא, כתוב אחד אומר (ויקרא כג, י) וקצרתם את קצירה והבאתם את עומר, דמשמע דיכול לקצור קודם הבאת העומר, וכתוב אחד אומר ראשית קצירכם, דמשמע שתהא ראשית לכל הקצירות, הא כיצד, ממקום שאתה יכול להביא העומר אי אתה קוצר קודם לעומר, ממקום שאי אתה מביא, כגון בית השלחים ובית העמקים שאין מביאין עומר מהן לפי שהן רעות, אתה קוצר מהן קודם לעומר: **אבל לא גודשין**. לעשותן גדיש. דכמה דאפשר לשנויי משנינן: **אנשי יריחו**. בית השלחין הוו להו: **קוצר לשחת**. מותר לקצור לשחת קודם לעומר ומאכיל לבהמתו: **אימתי בזמן שהתחיל**. לקצרה לצורך בהמתו עד שלא הביאה שליש אחרון של גמר בישולה, קוצר אף לאחר שהביאה שליש: **רבי שמעון אומר אף יקצור ויאכיל**. יתחיל לקצור ומאכיל לבהמתו משהביאה שליש. דכל לשחת לאו קציר הוא. והלכה כרבי יהודה, שבא לפרש דבריו של ת"ק: (ט) **קוצרים**. קודם לעומר: **מפני הנטיעות**. שלא יפסידו. לפי שאותה תבואה אינה ראויה לעומר, כדאמרינן בפרק כל הקרבנות, אין מביאין לא משדה בית השלחים ולא משדה אילן, ולעיל אמרינן ממקום שאי אתה מביא אתה קוצר. פירוש אחר, מפני הנטיעות משום כלאים. לפי שפעמים אדם זורע תבואה ואין שם נטיעות, ולאחר זמן עולות שם נטיעות ביניהן מאליהן, וצריך לקצור הזרעים משום

## ביאור משנה

### משנה ח

**קוֹצְרִים** מען מעג שניידן [נייע תבואה פאַרן עומר, פון] **בֵּית הַשְּׁלָחִים שֶׁבָּעֲמָקִים**, בית השלחים וואָס איז אין די טאָלן [אין אַ פעלד וואָס דאַרף האָבן קונסטליכע באַוואַסערונג], – "בית השלחין" הייסט אַ טרוקן פעלד, וואָס האָט נישט גענוג רעגן-וואַסער, און מען דאַרף עס באַוואַסערן, און די תבואה איז אַ שלעכטע, און מען טאָר פון דאָרט נישט ברענגען דעם עומר (זע פריער פרק ח׳ משנה ב׳ - חק לישראל ויקהל יום ה׳), און דעריבער מעג מען דאָרט שניידן די תבואה פאַרן עומר. **אֲבָל לֹא גוֹדְשִׁין**. אָבער [מען טאָר] נישט מאַכן קיין תבואה־באַרג. – מאַכן אַ "גדיש" הייסט, צונויפנעמען די בינטלעך אָפגעשניטענע תבואה אין איין באַרג, דאָס הייסט "גודשין". דאָס טאָר מען נישט טון פאַרן מקריב זיין דעם עומר אפילו אין דעם בית השלחין, ווייל מען דאַרף אויך דאָ מאַכן אַן ענדערונג, אַנדערש ווי אַלעמאָל. **אַנְשֵׁי יְרִיחוֹ** די מענטשן פון [די שטאָט] יריחו **קוֹצְרִין** האָבן געשניטן [נייע תבואה פאַרן עומר] **בִּרְצוֹן חֲכָמִים**, מיט דעם ווילן [מיט די הסכמה] פון די חכמים [ווייל זייערע פעלדער זענען געווען טרוקענע, בית השלחין, אין טאָל], **וְגוֹדְשִׁין** און זיי האָבן געמאַכט אַ תבואה־באַרג [אַ גדיש] **שֶׁלֹּא בִרְצוֹן חֲכָמִים**, נישט מיט דעם ווילן פון די חכמים, **וְלֹא מִחוּ בְיָדָם חֲכָמִים**. אָבער די חכמים האָבן זיי נישט מוכיח געווען [די חכמים האָבן זיי נישט געהייסן אויפהערן]. **קוֹצֵר לַשַּׁחַת**, מען מעג שניידן [נייע תבואה פאַר דעם עומר] אויף פאַשע [גראָז], **וּמַאֲכִיל לַבְּהֵמָה**. און עס געבן צו עסן פאַר אַ בהמה [אויך פאַרן עומר מעג מען עס געבן צו עסן פאר אַ בהמה]. **אָמַר רַבִּי יְהוּדָה**, האָט ר׳ יהודה געזאָגט, **אֵימָתַי**, ווען [איז דאָס געזאָגט געוואָרן אז מען מעג שניידן כדי צו פאַשען בהמות] **בִּזְמַן שֶׁהִתְחִיל** אויב מען האָט אָנגעהויבן **עַד שֶׁלֹּא הֵבִיאָה שְׁלִישׁ**. איידער זי איז געוואָרן אַ דריטל. – וועגן דעם "שליש", אַ "דריטל", זאָגן דער רמב"ם און דער ברטנורא, אַז מען מיינט דערמיט איידער עס איז געצייטיגט געוואָרן דאָס לעצטע דריטל, און רש"י זאָגט, אַז דאָס מיינט דאָס ערשטע דריטל. **רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר**, ר׳ שמעון זאָגט, **אַף יִקְצוֹר** [מען מעג] אויך שניידן [נייע תבואה פאַרן עומר] **וְיַאֲכִיל** און געבן צו עסן [אַ בהמה] **אַף מִשֶּׁהֵבִיאָה שְׁלִישׁ**. אויך ווען עס איז שוין געוואָרן אַ דריטל [אפילו ווען די תבואה איז אינגאַנצן געצייטיגט מעג מען איר שניידן אויף צו געבן צו עסן פאַר אַ בהמה]:

### משנה ט

**קוֹצְרִין** מען מעג אָפשניידן [פון אַ פעלד נייע תבואה פאַרן עומר] **מִפְּנֵי הַנְּטִיעוֹת**, צוליב פלאַנצונגען. – אויב דערנעבן וואַקסן יונגע ביימלעך, און די תבואה ברענגט שאָדן די ביימלעך. לויט אַן אַנדער פירוש איז די כוונה דאָ צוליב דעם איסור פון כלאים, וואָס טייל ראשונים (ראב"ד) האַלטן, אַז געוועגליכע ביימער און תבואה נעבן זיי הייסט כלאים און עס איז אסור. [אויך מעג מען אָפשניידן תבואה פון אַ

רבינו עובדיה **משנה** (מנחות פרק י׳) מברטנורא

מִפְּנֵי בֵית הָאֵבֶל, מִפְּנֵי (בִטּוּל) בֵּית הַמִּדְרָשׁ. לֹא יַעֲשֶׂה אוֹתָן כְּרִיכוֹת, אֲבָל מַנִּיחָן צְבָתִים. מִצְוַת הָעֹמֶר לָבוֹא מִן הַקָּמָה. לֹא מָצָא, יָבִיא מִן הָעֳמָרִים. מִצְוָתוֹ לָבוֹא מִן הַלַּח. לֹא מָצָא, יָבִיא מִן הַיָּבֵשׁ. מִצְוָתוֹ לִקְצוֹר בַּלָּיְלָה. נִקְצַר בַּיּוֹם, כָּשֵׁר. וְדוֹחֶה אֶת הַשַּׁבָּת:

כלאים: **ומפני בית האבל.** שאין להם מקום פנוי ליסב לברך ברכת רחבה שאומרים בבית האבל: **ומפני בית המדרש.** שאין מקום לתלמידים ליסב. וטעמא דכל הני, משום דקציר מצוה ניהו, והכתוב אומר ראשית קצירכם, שיהיה העומר ראשית לקצירכם של רשות ולא ראשית לקציר של מצוה: **כריכות.** אלומות קשורות: **צבתים.** אגודות בלא קישור. פירוש אחר, כריכות אלומות גדולות, צבתים אגודות קטנות: **מן הקמה.** שיהא קוצר לשמו: **לא מצא.** שכבר נקצר הכל: **מן הלח.** דכתיב כרמל, רך ומל: **לקצור בלילה.** כדילפינן בריש פרקין, מדכתיב (דברים טז, ט) מהחל חרמש בקמה תחל לספור, משעה שאתה מונה אתה קוצר, והספירה צריכה להיות בלילה דכתיב (ויקרא כג, טו) שבע שבתות תמימות:

**ביאור משנה**

פעלד פאַרן עומר] **מִפְּנֵי בֵית הָאֵבֶל**, צוליב דעם בית האבל, [צוליב דעם וואָס מען דאַרף האָבן דעם אָרט פאַר מענטשן וואָס קומען צו אבלים], – נאָכן צוריקגיין פון אַ לויה פלעגט מען זיך אַוועקזעצן אויף אַ פלאַץ און זאָגן דאָרט די ברכה פאַר אבלים. און אויך **מִפְּנֵי (בִטּוּל) בֵּית הַמִּדְרָשׁ**. צוליב [מען זאָל נישט] מבטל זיין דאָס [לערנען אין] בית המדרש. – ווען עס זענען פאַרהאַן אַסאַך תלמידים און עס איז נישט דאָ קיין אָרט פאַר זיי, מעג מען אָפּשניידן די תבואה פון פעלד פאַרן עומר כדי צו מאַכן אָרט פאַר די תלמידים. דער טעם איז ווייל דאָס (די אבלים און בית המדרש) איז אַ מצוה-זאַך און אין די תורה (ויקרא כג) ווערט געזאָגט "קצירכם", "אייער שניט". אָבער שניידן פאַר אַ מצוה-זאַך מעג מען. **לֹא יַעֲשֶׂה אוֹתָן כְּרִיכוֹת**, זאָל מען זיי [די אָפּגעשניטענע זאַנגען] נישט מאַכן געבונדענע בינטלעך [ווען מען שניידט אין די דאָזיגע פאַלן פאַרן עומר], **אֲבָל מַנִּיחָן צְבָתִים**. אָבער מען מעג זיי מאַכן נישט־געבונדענע בינטלעך. **מִצְוַת הָעֹמֶר** די מצוה פון [ברענגען דעם] עומר **לָבוֹא מִן הַקָּמָה**. איז צו ברענגען פון שטייענדיגע תבואה [מען דאַרף אָפּשניידן פאַרן עומר די גערשטן־זאַנגען פון פעלד]. **לֹא מָצָא**, אויב מען האָט שוין נישט געפינען [קיין שטייענדיגע תבואה נאָר אָפּגעשניטענע], **יָבִיא מִן הָעֳמָרִים**. זאָל מען ברענגען פון די [אָפּגעשניטענע] תבואה־בינטלעך. **מִצְוָתוֹ** די מצוה [אויב מען ברענגט פון אָפּגעשניטענע תבואה איז לכתחילה די מצוה] **לָבוֹא מִן הַלַּח**. צו ברענגען פון פייכטע [תבואה־בינטלעך, וועלכע זענען נאָכנישט אויסגעטרוקנט] – ווייל אין פסוק (ויקרא ג יד) שטייט "כרמל" און עס ווערט געטייטשט "רך ומל" ווייך און בייגנדיג, פייכטע תבואה-זאַנגען. אויב **לֹא מָצָא**, ער האָט נישט געפינען [קיין פייכטע], **יָבִיא מִן הַיָּבֵשׁ**. זאָל ער ברענגען פון טרוקענע [עס איז כשר צו ברענגען פון טרוקענע תבואה, אויב מען געפינט נישט די פייכטע]. **מִצְוָתוֹ** זיין [דעם עומר׳ס] מצוה איז **לִקְצוֹר בַּלָּיְלָה**. אַז מען זאָל אים אָפּשניידן ביינאַכט [אין די נאַכט פון פופצנטן טאָג אין ניסן אויפן זעכצנטן טאָג אין ניסן. אָבער אויב] **נִקְצַר בַּיּוֹם**, מען האָט עס אָפּגעשניטן בייטאָג, **כָּשֵׁר**. איז [אויך] כשר. – דער טעם וואָס מען דאַרף אים לכתחילה שניידן ביינאַכט איז פון פסוק אין דברים ט״ז "מהחל חרמש בקמה תחל לספור" "פון ווען מען הייבט אָן (שניידן) מיטן שנייד-מעסער די תבואה זאָלסטו אָנהייבן ציילן". דאָס מיינט מען ציילן ספירה, און ספירה-ציילן דאַרף זיין ביינאַכט, ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא כג) "שבע שבתות תמימות" "זיבן גאַנצע וואָכן", און דער ערשטער טאָג הייבט זיך אָן ביינאַכט. **וְדוֹחֶה אֶת הַשַּׁבָּת**. און עס איז דוחה דעם שבת [דאָס שניידן דעם עומר שטופּט אַוועק דעם איסור פון שבת] – דאָס האָבן מיר געלערנט פריער (אין משנה א׳), אַז אויב דער זעכצנטער טאָג אין ניסן פאַלט אום שבת, מעג מען שניידן דעם עומר אום שבת, ער איז דוחה שבת:

**גמרא**

הלכה ה׳ כלה כלי החיצון דהוד דמלכות דבריאה במוכן

**גמרא** (מנחות דף צ״ט ע״א)

תָּנוּ רַבָּנָן, עֲשָׂרָה שֻׁלְחָנוֹת עָשָׂה שְׁלֹמֹה, וְלֹא הָיוּ מְסַדְּרִין אֶלָּא עַל שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁנֶּאֱמַר (מלכים א׳

**ביאור גמרא**

**תָּנוּ רַבָּנָן** האבן די רבנן געלערנט, **עֲשָׂרָה שֻׁלְחָנוֹת עָשָׂה שְׁלֹמֹה** צען טישן האט שלמה המלך געמאכט פאר דעם בית המקדש – אויסער דעם שלחן וואס משה רבינו האט געמאכט, **וְלֹא הָיוּ מְסַדְּרִין אֶלָּא עַל שֶׁל מֹשֶׁה** אבער דעם לחם הפנים האט מען נאר ארויפגעלייגט אויף דעם שלחן פון משה רבינו, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס׳שטייט אין פסוק (מלכים א׳

## גמרא (מנחות דף צ"ט ע"א)

ז) 'וְאֶת הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר עָלָיו לֶחֶם הַפָּנִים זָהָב', עֶשֶׂר מְנוֹרוֹת עָשָׂה שְׁלֹמֹה, וְלֹא הָיוּ מַדְלִיקִין אֶלָּא בְּשֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁנֶּאֱמַר (דברי הימים ב' יג) '(אֶת) מְנוֹרַת הַזָּהָב וְנֵרֹתֶיהָ לְבָעֵר בָּעֶרֶב'. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ אוֹמֵר, עַל כּוּלָּם הָיוּ מְסַדְּרִין, שֶׁנֶּאֱמַר (שם ד) 'אֶת הַשֻּׁלְחָנוֹת וַעֲלֵיהֶם לֶחֶם הַפָּנִים', וּבְכוּלָּן הָיוּ מַדְלִיקִין, שֶׁנֶּאֱמַר (שם) 'אֶת הַמְּנוֹרוֹת וְנֵרוֹתֵיהֶם לְבַעֲרָם כַּמִּשְׁפָּט לִפְנֵי הַדְּבִיר זָהָב סָגוּר'. רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר לֹא הָיוּ מְסַדְּרִין אֶלָּא עַל שֶׁל מֹשֶׁה, אֶלָּא מָה אֲנִי מְקַיֵּים 'וְאֶת הַשֻּׁלְחָנוֹת אֲשֶׁר עֲלֵיהֶם לֶחֶם הַפָּנִים זָהָב', אֵלּוּ שְׁלֹשָׁה שֻׁלְחָנוֹת שֶׁהָיוּ בַּמִּקְדָּשׁ, שְׁנַיִם שֶׁהָיוּ בָּאוּלָם מִבִּפְנִים לְפֶתַח הַבַּיִת, אֶחָד שֶׁל כֶּסֶף וְאֶחָד שֶׁל זָהָב, עַל שֶׁל כֶּסֶף נוֹתֵן לֶחֶם הַפָּנִים בִּכְנִיסָתוֹ, וְעַל שֶׁל זָהָב בִּיצִיאָתוֹ, שֶׁמַּעֲלִין בַּקּוֹדֶשׁ וְלֹא מוֹרִידִין, אֶחָד שֶׁל זָהָב בִּפְנִים שֶׁעָלָיו לֶחֶם הַפָּנִים תָּמִיד.

### רש"י

**את השלחן.** לשון יחיד: **על כולן היו מסדרין.** פעמים בזה פעמים בזה: **שנים שהיו באולם מבפנים.** אצל פתח ההיכל אחד של כסף ואחד של זהב. והאי דקרי הכא כסף ובמתניתין שיש, משום דשיש לבן ככסף: **בכניסתו.** כשמגיעין לפתח מניחין אותו עליו ועומדין לפוש: **ועל של זהב ביציאתו.** ושם היה מונח עד שיוקטרו הבזיכין כדקתני מתני': **שמעלין בקודש.** כגון בכניסתו מניחו על של כסף וכשמגיע להיכל מסדר על של משה שמצופה זהב, הרי עלייה: **ולא מורידין.** לכך ביציאתו מניחו על של

### ביאור גמרא

ז, מח) '**וְאֶת הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר עָלָיו לֶחֶם הַפָּנִים זָהָב**' דער טיש וואס אויף אים איז געווען דער לחם הפנים איז געווען פון גאלד, – עס שטייט "השלחן" בלשון יחיד, – אז אויף דעם איינעם טיש [אויף דעם טיש פון משה] איז געלעגן דער לחם הפנים, **עֶשֶׂר מְנוֹרוֹת עָשָׂה שְׁלֹמֹה** שלמה המלך האט געמאכט צען מנורות פאר דעם בית המקדש – אויסער די מנורה וואס משה רבינו האט געמאכט, **וְלֹא הָיוּ מַדְלִיקִין אֶלָּא בְּשֶׁל מֹשֶׁה** אבער מען האט נאר אנגעצינדן ליכט אין משה רבינו'ס מנורה, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס'שטייט אין פסוק '**(אֶת) מְנוֹרַת הַזָּהָב וְנֵרֹתֶיהָ לְבָעֵר בָּעֶרֶב**' די גאלדענע מנורה איז געווען מען זאל אין איר אנצינדן אין אוונט – איז געווען אפגעזונדערט איין גאלדענע מנורה, דאס איז די מנורה פון משה, **רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן שַׁמּוּעַ אוֹמֵר** רבי אלעזר בן שמוע זאגט, **עַל כּוּלָּם הָיוּ מְסַדְּרִין** מען האט אויף אלע טישן אנגעלייגט דעם לחם הפנים, – אמאל אויף דעם טיש און אמאל אויף אַן אנדערן טיש, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס'שטייט אין פסוק (שם ד, יט) '**אֶת הַשֻּׁלְחָנוֹת וַעֲלֵיהֶם לֶחֶם הַפָּנִים**' – "השולחנות" איז א לשון רבים, אז מען האט געניצט אלע טישן פאר דעם לחם הפנים, **וּבְכוּלָּן הָיוּ מַדְלִיקִין** און אין אלע מנורות האט מען אנגעצינדן די ליכט, (יעדן טאג אן אנדערע), **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס'שטייט אין פסוק (שם ד, כ) '**אֶת הַמְּנוֹרוֹת וְנֵרוֹתֵיהֶם לְבַעֲרָם כַּמִּשְׁפָּט לִפְנֵי הַדְּבִיר זָהָב סָגוּר**' מען זאל אריינשטעלן די מנורות מיט זייערע רערלעך מען זאל אין זיי אנצינדן ווי דער דין איז, פאר דעם דביר, און די מנורות זענען געווען פון געשלאסענעם גאלד, – "המנורות" איז א לשון רבים, אז מען האט געניצט אלע מנורות, יעדעס מאל אַן אנדערע מנורה, **רַבִּי יוֹסֵי בְּרַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר** רבי יוסי ברבי יהודה זאגט **לֹא הָיוּ מְסַדְּרִין אֶלָּא עַל שֶׁל מֹשֶׁה** מען האט נאר מסדר געווען דעם לחם הפנים אויף דעם שולחן פון משה רבינו, **אֶלָּא מָה אֲנִי מְקַיֵּים** און וואס וועל איך זאגן

וועגן דעם פסוק '**וְאֶת הַשֻּׁלְחָנוֹת אֲשֶׁר עֲלֵיהֶם לֶחֶם הַפָּנִים זָהָב**' וואס דאס ווארט "השלחנות" איז א לשון רבים, **אֵלּוּ שְׁלֹשָׁה שֻׁלְחָנוֹת שֶׁהָיוּ בַּמִּקְדָּשׁ** דאס מיינט מען די דריי טישן וואס זענען געווען אין בית המקדש, – וואס מען האט זיי געניצט צום לחם הפנים, **שְׁנַיִם שֶׁהָיוּ בָּאוּלָם מִבִּפְנִים לְפֶתַח הַבַּיִת** צוויי טישן האבן זיך געפינען אינעווייניג אין דעם אולם נעבן דעם טיר פונעם היכל, **אֶחָד שֶׁל כֶּסֶף** איין טיש איז געווען פון – ווייסע מארמארשטיין וואס איז ענליך צו זילבער, **וְאֶחָד שֶׁל זָהָב** און איין טיש איז געווען פון גאלד, **עַל שֶׁל כֶּסֶף** אויף דעם זילבערנעם טיש **נוֹתֵן לֶחֶם הַפָּנִים בִּכְנִיסָתוֹ** האט מען ארויפגעלייגט דעם פרישן לחם הפנים וואס מען האט אריינגעברענגט, און זיי האבן דארט גערוט, ד.ה. מען האט זיי דארט געלאזט א שטיק צייט, **וְעַל שֶׁל זָהָב בִּיצִיאָתוֹ** און אויף דעם גאלדענעם טיש האט מען אראפגעלייגט דעם לחם הפנים וואס מען האט ארויסגענומען פון היכל, – ביז מען האט מקריב געווען די לבונה, און פארוואס ביים אריינברענגען דעם לחם הפנים האט מען דאס אראפגעלייגט אויף א זילבערנעם טיש און ביים ארויסטראגן האט מען עס אראפגעלייגט אויף א גאלדענעם טיש, **שֶׁמַּעֲלִין בַּקּוֹדֶשׁ וְלֹא מוֹרִידִין** ווייל ביי קדושה גייט מען העכער און נישט נידריגער, – דעריבער ביים אריינברענגען דעם לחם הפנים האט מען דאס געלייגט אויף דעם זילבערנעם טיש, און יעצט ביים ארויסנעמען דעם לחם הפנים האט מען געלייגט דעם לחם הפנים אויף דעם גאלדענעם טיש, וואס דאס איז חשוב'ער, **אֶחָד שֶׁל זָהָב בִּפְנִים** [און] איין טיש איז געווען דער גאלדענער שלחן פון משה רבינו **שֶׁעָלָיו לֶחֶם הַפָּנִים תָּמִיד** וואס אויף דעם גאלדענעם שלחן איז דער לחם הפנים געלעגן א גאנצע וואך, – און דעריבער ווען מען האט ארויסגענומען די לחם הפנים פון היכל, האט מען עס שוין

## גמרא (מנחות דף צ"ט ע"א)

**וּמְנָא** לָן דְּאֵין מוֹרִידִין, אָמַר רַבִּי דְּאָמַר קְרָא (שמות מ) 'וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן, וַיִּתֵּן אֶת אֲדָנָיו וַיָּשֶׂם אֶת קְרָשָׁיו וַיִּתֵּן אֶת בְּרִיחָיו וַיָּקֶם אֶת עַמּוּדָיו'. וּמְנָלָן דְּמַעֲלִין, אָמַר רַבִּי אַחָא בַּר יַעֲקֹב דְּאָמַר קְרָא (במדבר יז) 'אֵת מַחְתּוֹת הַחַטָּאִים הָאֵלֶּה בְּנַפְשֹׁתָם, וְעָשׂוּ אֹתָם רִקֻּעֵי פַחִים צִפּוּי לַמִּזְבֵּחַ, כִּי הִקְרִיבֻם לִפְנֵי ה' וַיִּקְדָּשׁוּ, וְיִהְיוּ לְאוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל', בַּתְּחִילָּה תַּשְׁמִישֵׁי מִזְבֵּחַ וְעַכְשָׁיו גּוּפוֹ שֶׁל מִזְבֵּחַ. 'אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ וְשַׂמְתָּם בָּאָרוֹן', תָּנֵי רַב יוֹסֵף מְלַמֵּד שֶׁהַלּוּחוֹת וְשִׁבְרֵי לוּחוֹת מוּנָּחִין בָּאָרוֹן, מִכָּאן לְתַלְמִיד חָכָם שֶׁשָּׁכַח תַּלְמוּדוֹ מֵחֲמַת אוֹנְסוֹ שֶׁאֵין נוֹהֲגִין בּוֹ מִנְהַג בִּזָּיוֹן:

### רש"י

זהב: **ויקם משה את המשכן וגו'.** מדרישיה וסיפיה דקרא בלשון הקמה דאפילו בנחות הלשון לא הורד שמע מינה אין מורידין. ואי נמי דלא סייעוהו אחיו הכהנים בהקמת העמודים והאדנים שמע מינה אין מורידין, לפיכך לא נתעסקו בו אחרים. ל"א מעיקרא ויקם משה את המשכן דהיינו יריעות, שבתחילה פורס היריעות ולא הורידן בהקמת העמודים והאדנים אלא אחז היריעות בידו עד שהקים כולן: **אשר שברת ושמתם בארון.** שישים השברים בארון:

### ביאור גמרא

געלייגט אויף א גאלדענעם טיש צוליב מעלין בקודש "ולא מורידין", און דעריבער שטייט "ואת השלחנות" ווייל אויף אלע דריי טישן איז געלעגן דער לחם הפנים.

פרעגט די גמרא **וּמְנָא לָן דְּאֵין מוֹרִידִין** און פון וואו ווייסט מען, אז ביי קדושה גייט מען נישט נידריגער. ענטפערט די גמרא, **אָמַר רַבִּי** האט רבי געזאגט, **דְּאָמַר קְרָא** ווייל דער פסוק זאגט (שמות מ, יח) **'וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן וַיִּתֵּן אֶת אֲדָנָיו וַיָּשֶׂם אֶת קְרָשָׁיו וַיִּתֵּן אֶת בְּרִיחָיו וַיָּקֶם אֶת עַמּוּדָיו'** – דער אנהייב פון פסוק און דער סוף פון פסוק דערמאנט נאר וועגן אויפשטעלן, און רעדט בכלל נישט וועגן נידריגער מאכן זעט מען אז ביי קדושה איז אין מורידין. נאך א פשט, פארוואס האט משה אלעס אליין געטון און קיינער פון די כהנים האבן אים נישט געהאלפן, ווייל אויב איינער וועט אים העלפן וועט דאך דאס זיין ארפגענידערט פון די הייליגקייט.

פרעגט די גמרא **וּמְנָלָן דְּמַעֲלִין** און פון וואו ווייסט מען אז ביי קדושה גייט מען נאר העכער. ענטפערט די גמרא, **אָמַר רַבִּי אַחָא בַּר יַעֲקֹב** האט רבי אחא בר יעקב געזאגט, **דְּאָמַר קְרָא** ווייל דער פסוק זאגט (במדבר יז, ג) ביי די עדת קרח **'אֵת מַחְתּוֹת הַחַטָּאִים הָאֵלֶּה בְּנַפְשֹׁתָם וְעָשׂוּ אֹתָם רִקֻּעֵי פַחִים צִפּוּי לַמִּזְבֵּחַ כִּי הִקְרִיבֻם לִפְנֵי ה' וַיִּקְדָּשׁוּ וְיִהְיוּ לְאוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל'** מען זאל נעמען די פייער-פאנען פון די מענטשן וואס האבן געזינדיגט מיט זייערע נשמות און מען זאל מאכן פון זיי אויסגעשפרייטע דינע בלעכן און מיט די בלעכן זאל מען באדעקן דעם מזבח, ווייל מען האט די פאנען דערנענטערט צו ה' דעריבער זענען זיי הייליג געווארן, און זיי וועלן זיין א צייכן צו די אידן (ווען די אידן וועלן זען די בלעכן וואס זענען אויפן מזבח וועלן זיי זיך דערמאנען אין די קריג פון קרח און זיין געמיינדע אויף משה און ווי זיי זענען געשטראפט געווארן), זעט מען פון דא **בַּתְּחִילָּה תַּשְׁמִישֵׁי מִזְבֵּחַ** אז צום ערשט זענען די מחתות געווען זיך צו באניצן ביי דעם מזבח – צו מאכן פון זיי פאנען צו מקריב זיין די קטורת אויפן מזבח, **וְעַכְשָׁיו** און יעצט **גּוּפוֹ שֶׁל מִזְבֵּחַ** זענען פון די מחתות געמאכט געווארן א צודעק פאר דעם מזבח – און זענען געווארן א טייל פון דעם מזבח אליין זעט מען אז מעלין בקודש.

זאגט די גמרא, עס שטייט אין פסוק (דברים י, ב) **'אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ וְשַׂמְתָּם בָּאָרוֹן'** די לוחות וואס דו האסט צעבראכן זאלסטו ארייינלייגן אין ארון, **תָּנֵי רַב יוֹסֵף** האט רב יוסף געלערנט **מְלַמֵּד** דער פסוק קומט אונז צו לערנען, **שֶׁהַלּוּחוֹת וְשִׁבְרֵי לוּחוֹת מוּנָּחִין בָּאָרוֹן** אז די גאנצע לוחות און די צעבראכענע לוחות זענען געלעגן אין ארון, **מִכָּאן** פון דא זעט מען **לְתַלְמִיד חָכָם שֶׁשָּׁכַח תַּלְמוּדוֹ מֵחֲמַת אוֹנְסוֹ** אז א תלמיד חכם וואס האט פארגעסן זיין לערנען, באונס צוליב זיין קראנקהייט, **שֶׁאֵין נוֹהֲגִין בּוֹ מִנְהַג בִּזָּיוֹן** טאר מען אזא מענטש נישט פארשעמען, – אזויווי מען האט זיך געפירט מיט די צעבראכענע לוחות, וואס אויך זיי האט מען ארייינגעלייגט אינעם ארון בדרך כבוד.

## זוהר

ת"ת דאצילות יוד הא ואו הא

## זוהר (ויקרא דף כ"ג ע"ב)

רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח וְאָמַר, אוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא. הוֹדַע אֵלָיו מִסִּטְרָא דְּמַאן, אוֹ יָדַע (נ"א נוֹדַע) חַטָּאתוֹ מִבָּעֵי לֵיהּ, מַהוּ הוֹדַע אֵלָיו.

### ביאור זוהר

**רַבִּי יְהוּדָה פָּתַח וְאָמַר**, כָּתוּב **אוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא.** שׁוֹאֵל **הוֹדַע אֵלָיו מִסִּטְרָא דְּמַאן**, מִצַּד מִי נוֹדַע לוֹ, שֶׁלֹּא כָּתוּב מִי הוֹדִיעוֹ, **אוֹ יָדַע (נ"א נוֹדַע) חַטָּאתוֹ מִבָּעֵי לֵיהּ**, וְהָיָה צָרִיךְ לוֹמַר אוֹ יָדַע (נוֹדַע) חַטָּאתוֹ, **מַהוּ הוֹדַע אֵלָיו**.

## זוהר (ויקרא דף כ"ג ע"ב)

**אֶלָּא** קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא פָּקִיד לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל לְאוֹדָעָא לֵיהּ לְבַר נַשׁ הַהוּא חוֹבָה דְּהוּא חָב, וּבַמָּה מוֹדָעָא לֵיהּ, בְּדִינָהָא, כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר (איוב כ) יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֹנוֹ וְאֶרֶץ מִתְקוֹמְמָה לוֹ, הוֹדַע אֵלָיו, כְּמַאן דְּפָקִיד לְאַחֲרָא.

**דְּתָנֵינָן**, בְּשַׁעְתָּא דְּבַר נַשׁ חָב קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְלָא אַשְׁגַּח בַּחֲטָאֵיהּ לְאַהַדְרָא בְּתִיּוּבְתָּא קַמֵּי מָארֵיהּ, וְאַשְׁדֵּי לֵיהּ בָּתַר כִּתְפֵּיהּ, נִשְׁמָתֵיהּ מַמָּשׁ סַלְקַת, וְאַסְהִידַת קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. כְּדֵין פָּקִיד מַלְכָּא לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, וְאָמַר, אוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא, אוֹשִׁיט דִּינָא עֲלֵיהּ וְאוֹדַע לֵיהּ חוֹבֵיהּ, כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר (יחזקאל טז) הוֹדַע אֶת יְרוּשָׁלַםִ אֶת תּוֹעֲבוֹתֶיהָ.

**בָּתַר** דְּמָטֵי עֲלֵיהּ דִּינָא, כְּדֵין אַתְעַר רוּחֵיהּ לִמְהַדֵּר בְּתִיּוּבְתָּא קַמֵּי מָארֵיהּ, וְאִתְכְּנַע לְמִקְרַב קָרְבְּנָא, דְּהָא מַאן דְּלִבֵּיהּ גַּס בֵּיהּ, חָטֵי, וְאַנְשֵׁי חַטָּאֵיהּ, וְלָא אַשְׁגַּח עֲלֵיהּ, וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא זַמִּין לְקָבְלֵיהּ, וּפָקִיד לְאוֹדָעָא לֵיהּ לְהַהוּא חוֹבָא, בְּגִין דְּלָא יִתְנְשֵׁי מִנֵּיהּ.

**אָמַר** רַבִּי יוֹסֵי, הָכִי הוּא וַדַּאי, מְנָלָן, דְּהָכִי אַשְׁכַּחְנָא בְּדָוִד, דְּכֵיוָן דְּעָבַד הַהוּא עוֹבָדָא דְּבַת שֶׁבַע, לָא אַשְׁגַּח בֵּיהּ, אָמַר לֵיהּ קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אַתְּ אַנְשִׁית לֵיהּ, אֲנָא אַדְכַּרְנָא לָךְ. מִיַּד מָה כְתִיב (שמואל ב' יב) אַתָּה הָאִישׁ כֹּה אָמַר יְיָ, אַתָּה הָאִישׁ דְּלָא דַּכְרַת לֵיהּ, אַתָּה הָאִישׁ דְּאַנְשִׁית לֵיהּ, וּבְמָה אוֹדַע לֵיהּ, בְּדִינָא. אוּף הָכָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא קָאָמַר הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא, וְשַׁפִּיר מִלָּה. וְהָכִי הוּא, דְּלָא כְתִיב אוֹ נוֹדַע אֵלָיו, כְּמָה דִּכְתִיב (שמות כא) אוֹ נוֹדַע כִּי שׁוֹר נַגָּח הוּא.

**וּמַאן** דְּקָאִים בְּלֵילְיָא לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא, אוֹרַיְיתָא קָא מוֹדָעָא לֵיהּ חוֹבֵיהּ,

### ביאור זוהר

וּמֵשִׁיב **אֶלָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא פָּקִיד לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל לְאוֹדָעָא לֵיהּ לְבַר נַשׁ הַהוּא חוֹבָה דְּהוּא חָב**, אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְצַוֶּה לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל שֶׁהִיא מִדַּת הַמַּלְכוּת לְהוֹדִיעַ לוֹ לְהָאָדָם אוֹתוֹ הַחֵטְא שֶׁהוּא חָטָא, **וּבַמֶּה מוֹדָעָא לֵיהּ**, וּבַמֶּה מוֹדִיעָהּ לוֹ, **בְּדִינָהָא**, בְּדִינֶיהָ, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר** כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (איוב כ) **יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֹנוֹ וְאֶרֶץ מִתְקוֹמְמָה לוֹ**, אֶרֶץ מְרַמֵּז עַל מִדַּת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא מִתְקוֹמְמָה לוֹ בְּדִינֶיהָ, **הוֹדַע אֵלָיו כְּמַאן דְּפָקִיד לְאַחֲרָא**. הוֹדַע אֵלָיו פֵּרוּשׁוֹ כְּמִי שֶׁמְּצַוֶּה לְאַחֵר לְהוֹדִיעוֹ הוֹדַע לְשׁוֹן צִוּוּי, לֵךְ וְהוֹדִיעוֹ.

**דְּתָנֵינָן, בְּשַׁעְתָּא דְּבַר נַשׁ חָב קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא**, שֶׁלָּמַדְנוּ, בְּשָׁעָה שֶׁהָאָדָם חוֹטֵא לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, **וְלָא אַשְׁגַּח בַּחֲטָאֵיהּ לְאַהַדְרָא בְּתִיּוּבְתָּא קַמֵּי מָארֵיהּ**, וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ מְפַשְׁפֵּשׁ בַּחֲטָאָיו לַחֲזֹר בִּתְשׁוּבָה לִפְנֵי אֲדוֹנוֹ, **וְאַשְׁדֵּי לֵיהּ בָּתַר כִּתְפֵּיהּ**, וּמַשְׁלִיכוֹ אֲחוֹרֵי כְּתֵיפָיו כְּמִי שֶׁלֹּא אִיכְפַּת לוֹ כְּלוּם, **נִשְׁמָתֵיהּ מַמָּשׁ סַלְקַת וְאַסְהִידַת קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא**. נִשְׁמָתוֹ מַמָּשׁ עוֹלָה וּמְעִידָה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. **כְּדֵין פָּקִיד מַלְכָּא לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל**, אָז מְצַוֶּה הַמֶּלֶךְ מִדַּת תִּפְאֶרֶת לִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מִדַּת הַמַּלְכוּת, **וְאָמַר אוֹ הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא, אוֹשִׁיט דִּינָא עֲלֵיהּ וְאוֹדַע לֵיהּ חוֹבֵיהּ**, הוֹשִׁיטִי דִּינִים וּמִשְׁפָּטִים עָלָיו וְהוֹדִיעִי לוֹ חַטָּאתוֹ, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר** כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (יחזקאל טז) **הוֹדַע אֶת יְרוּשָׁלַםִ אֶת תּוֹעֲבוֹתֶיהָ**.

**בָּתַר דְּמָטֵי עֲלֵיהּ דִּינָא**, אַחֲרֵי שֶׁהַדִּין הִגִּיעַ עָלָיו, **כְּדֵין אַתְעַר רוּחֵיהּ לִמְהַדֵּר בְּתִיּוּבְתָּא קַמֵּי מָארֵיהּ**, אָז נִתְעוֹרֵר רוּחוֹ לַחֲזֹר בִּתְשׁוּבָה לִפְנֵי אֲדוֹנוֹ, **וְאִתְכְּנַע לְמִקְרַב קָרְבְּנָא** וְנִכְנַע לְהַקְרִיב קָרְבָּן, **דְּהָא מַאן דְּלִבֵּיהּ גַּס בֵּיהּ, חָטֵי, וְאַנְשֵׁי חַטָּאֵיהּ, וְלָא אַשְׁגַּח עֲלֵיהּ**, שֶׁהֲרֵי מִי שֶׁלִּבּוֹ מִתְגָּאֶה עָלָיו, חוֹטֵא, וְשׁוֹכֵחַ חֶטְאוֹ וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ עָלָיו, **וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא זַמִּין לְקָבְלֵיהּ, וּפָקִיד לְאוֹדָעָא לֵיהּ לְהַהוּא חוֹבָא**, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוּכָן לְנֶגְדּוֹ, וּמְצַוֶּה לְהוֹדִיעַ לוֹ לְאוֹתוֹ הַחֵטְא, **בְּגִין דְּלָא יִתְנְשֵׁי מִנֵּיהּ**. בִּשְׁבִיל שֶׁלֹּא יִשָּׁכַח מִמֶּנּוּ.

**אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, הָכִי הוּא וַדַּאי**, בֶּטַח הוּא כֵּן, **מְנָלָן** מֵהֵיכָן אָנוּ יוֹדְעִים זֶה, וּמֵשִׁיב **דְּהָכִי אַשְׁכַּחְנָא בְּדָוִד, דְּכֵיוָן דְּעָבַד הַהוּא עוֹבָדָא דְּבַת שֶׁבַע, לָא אַשְׁגַּח בֵּיהּ**, שֶׁכֵּן מָצִינוּ בְּדָוִד, שֶׁכֵּיוָן שֶׁעָשָׂה הַהוּא מַעֲשֶׂה שֶׁל בַּת שֶׁבַע, לֹא הִשְׁגִּיחַ בּוֹ, **אָמַר לֵיהּ קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אַתְּ אַנְשִׁית לֵיהּ, אֲנָא אַדְכַּרְנָא לָךְ**. אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַתָּה שָׁכַחְתָּ אוֹתוֹ, אֲנִי אַזְכִּירֶנּוּ לָךְ. **מִיַּד מָה כְתִיב** (שמואל ב' יב) **אַתָּה הָאִישׁ כֹּה אָמַר יְיָ, אַתָּה הָאִישׁ, דְּלָא דַּכְרַת לֵיהּ**, אַתָּה הָאִישׁ שֶׁלֹּא זָכַרְתָּ אוֹתוֹ, **אַתָּה הָאִישׁ דְּאַנְשִׁית לֵיהּ**, אַתָּה הָאִישׁ שֶׁשָּׁכַחְתָּ אוֹתוֹ כִּי עָשִׂיתָ מַעֲשֶׂה אִישׁ שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַשִּׁכְחָה, **וּבְמָה אוֹדַע לֵיהּ**, וּבַמֶּה הוֹדִיעוֹ, **בְּדִינָא** בְּדִין, **אוּף הָכָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא קָאָמַר הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא וְשַׁפִּיר מִלָּה**, כְּמוֹ כֵן כָּאן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר "הוֹדַע אֵלָיו", שֶׁמְּצַוֶּה לְמִדַּת הַמַּלְכוּת שֶׁתּוֹדִיעַ אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא, וְנָכוֹן הַדָּבָר, **וְהָכִי הוּא, דְּלָא כְתִיב**, וְכֵן הוּא, שֶׁלֹּא נֶאֱמַר **אוֹ נוֹדַע אֵלָיו, כְּמָה דִּכְתִיב** (שמות כא) **אוֹ נוֹדַע כִּי שׁוֹר נַגָּח הוּא**, כִּי כָּאן הַכַּוָּנָה לְצַוּוֹת לְאַחֵר שֶׁיּוֹדִיעַ לוֹ, לָכֵן כָּתוּב הוֹדַע אֵלָיו.

**וּמַאן דְּקָאִים בְּלֵילְיָא לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא**, וּמִי שֶׁקָּם בַּלַּיְלָה לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, **אוֹרַיְיתָא קָא מוֹדָעָא לֵיהּ חוֹבֵיהּ**, אָז

## זוהר (ויקרא דף כ"ג ע"ב)

וְלָא בְּאֹרַח דִּינָא, אֶלָּא כְּאִימָּא דְאוֹדְעָא לִבְרָהּ בְּמִלָּה רָכִיךְ, וְהוּא לָא אַנְשֵׁי לֵיהּ, וְתָב בְּתִיּוּבְתָּא קַמֵּי מָארֵיהּ.

**וְאִי** תֵּימָא דָוִד דַּהֲוָה קָם בְּפַלְגּוּ לֵילְיָא, אֲמַאי אַתְעָרוּ עֲלֵיהּ בְּדִינָא, אֶלָּא שָׁאנֵי דָוִד, דְאִיהוּ עָבַר בְּמָה דְאִתְקְשַׁר, וּבַעְיָיא דִינָא, וּבְמָה דְעָבַר אַתְדָּן. הוּא חָטָא לְקָבְלֵיהּ דְּמַלְכוּתָא קַדִּישָׁא וּלְגַבֵּי יְרוּשְׁלֵם קַדִּישָׁא, וּבְגִין דָא אִתְתְּרַךְ מִירוּשְׁלֵם, וּמַלְכוּתָא אַעְדִּיו מִנֵּיהּ, עַד דְּאִתְתְּקַן כִּדְקָא יֵאוּת (וְאִתְעֲנָשׁ).

**אָמַר** רַבִּי יְהוּדָה, מַהוּ דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַעְנִישׁ לֵיהּ לְדָוִד עַל יְדָא דִבְרֵיהּ, דִּכְתִיב (שמואל ב' יב) הִנְנִי מֵקִים עָלֶיךָ רָעָה מִבֵּיתֶךָ. אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, הָא אוּקִימְנָא בְּגִין דְּאִי יְקוּם עֲלֵיהּ בַּר נַשׁ אַחֲרָא לָא יְרַחֵם עֲלֵיהּ. אָמַר לֵיהּ, וְהָא אַבְשָׁלוֹם בָּעָא לְקַטְלָא לַאֲבוּי בְּכַמָּה עֵיטִין בִּישִׁין (דְּבַר) עֲלֵיהּ יַתִּיר מִבַּר נַשׁ אַחֲרָא. אָמַר לֵיהּ לָא שְׁמַעְנָא.

**אָמַר** לֵיהּ אֲנָא שְׁמַעְנָא, דָּוִד חָטָא בְּבַת שֶׁבַע סְתָם, אָמַר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, לֵיתֵי בְּרָא דְבַת אֵל נֵכָר, וְיִנְקוֹם נוּקְמָתָא, וּמַאן אִיהוּ, דָא אַבְשָׁלוֹם דִּבְרֵיהּ דִּיפַת תּוֹאַר הֲוָה מִקְרָבָא. מִכָּאן אוֹלִיפְנָא, מַאן דְּנָטִיל אִתְּתָא דָא בִקְרָבָא וְחָמִיד בָּהּ, לְסוֹף נָפִיק מִינָהּ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, מַאי טַעְמָא, בְּגִין דְּעַד כְּעַן לָא פָּסְקָא מִינָהּ זוּהֲמָא, וְהָא אוּקְמוּהָ:

### ביאור זוהר

הַתּוֹרָה מוֹדִיעָה לוֹ חַטָּאתוֹ, **וְלָא בְּאֹרַח דִּינָא, אֶלָּא כְּאִימָּא דְאוֹדְעָא לִבְרָהּ בְּמִלָּה רָכִיךְ**, וְלֹא בְּדֶרֶךְ דִּין, אֶלָּא כְּאֵם הַמּוֹדִיעָה לִבְנָהּ בְּדִבּוּרִים רַכִּים, **וְהוּא לָא אַנְשֵׁי לֵיהּ, וְתָב בְּתִיּוּבְתָּא קַמֵּי מָארֵיהּ**, וְהוּא אֵינוֹ שׁוֹכֵחַ אֶת חֶטְאוֹ, וְשָׁב בִּתְשׁוּבָה לִפְנֵי אֲדוֹנוֹ.

**וְאִי תֵּימָא דָוִד דַּהֲוָה קָם בְּפַלְגּוּ לֵילְיָא אֲמַאי אַתְעָרוּ עֲלֵיהּ בְּדִינָא**, וְאִם תֹּאמַר, דָּוִד, שֶׁהָיָה קָם בַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה, לָמָּה הִתְעוֹרְרוּ עָלָיו בְּדִין וְלֹא נוֹדַע לוֹ עַל יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד, **אֶלָּא שָׁאנֵי דָוִד דְאִיהוּ עָבַר בְּמָה דְאִתְקְשַׁר, וּבַעְיָיא דִינָא, וּבְמָה דְעָבַר אַתְדָּן**. אֶלָּא מְשׁוּנֶּה הוּא דָוִד בָּזֶה, כֵּיוָן שֶׁהוּא עָבַר בַּמֶּה שֶׁנִּתְקַשֵּׁר הַשְּׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהִיא מִדַּת הַמַּלְכוּת וְתוֹבַעַת דִּין, וּבַמֶּה שֶׁעָבַר נִדּוֹן. **הוּא חָטָא לְקָבְלֵיהּ דְּמַלְכוּתָא קַדִּישָׁא וּלְגַבֵּי יְרוּשְׁלֵם קַדִּישָׁא**, הוּא חָטָא נֶגֶד מִדַּת מַלְכוּת הַקְּדוֹשָׁה, וְלִירוּשָׁלַיִם הַקְּדוֹשָׁה שֶׁהִיא גַּם כֵּן נֶגֶד הַמַּלְכוּת, **וּבְגִין דָא אִתְתְּרַךְ מִירוּשְׁלֵם**, וּבִשְׁבִיל זֶה נִתְגָּרֵשׁ מִירוּשָׁלַיִם, **וּמַלְכוּתָא אַעְדִּיו מִנֵּיהּ עַד דְּאִתְתְּקַן כִּדְקָא יֵאוּת**, וְהַמַּלְכוּת הוּסְרָה מִמֶּנּוּ עַד שֶׁנִּתְתַּקֵּן כָּרָאוּי.

**אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, מַהוּ דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אַעְנִישׁ לֵיהּ לְדָוִד עַל יְדָא דִבְרֵיהּ**, מַה הַטַּעַם שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הֶעֱנִישׁ לְדָוִד עַל יְדֵי בְּנוֹ, **דִּכְתִיב** (שמואל ב' יב) **הִנְנִי מֵקִים עָלֶיךָ רָעָה מִבֵּיתֶךָ. אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, הָא אוּקִימְנָא בְּגִין דְּאִי יְקוּם עֲלֵיהּ בַּר נַשׁ אַחֲרָא, לָא יְרַחֵם עֲלֵיהּ**. הֲרֵי הֶעֱמַדְנוּ בִּשְׁבִיל שֶׁאִם יָקוּם עָלָיו אִישׁ אַחֵר, לֹא יְרַחֵם עָלָיו לָכֵן הָיָה עַל יְדֵי בְּנוֹ שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו. **אָמַר לֵיהּ, וְהָא אַבְשָׁלוֹם בָּעָא לְקַטְלָא לַאֲבוּי בְּכַמָּה עֵיטִין בִּישִׁין (דְּבַר) עֲלֵיהּ יַתִּיר מִבַּר נַשׁ אַחֲרָא**. אָמַר לוֹ, וַהֲלֹא אַבְשָׁלוֹם הִתְנַהֵג יוֹתֵר גָּרוּעַ מֵאַחֵר כִּי רָצָה לַהֲרֹג אֶת אָבִיו בְּכַמָּה עֵצוֹת רָעוֹת עָלָיו יוֹתֵר מֵאָדָם אַחֵר, **אָמַר לֵיהּ לָא שְׁמַעְנָא**. אָמַר לוֹ לֹא שָׁמַעְתִּי.

**אָמַר לֵיהּ אֲנָא שְׁמַעְנָא**, אָמַר לוֹ אֲנִי שָׁמַעְתִּי, **דָּוִד חָטָא בְּבַת שֶׁבַע סְתָם**. שֶׁהִיא הַמַּלְכוּת הַנִּקְרֵאת בַּת שֶׁבַע עַל שֵׁם שֶׁהִיא הַמִּדָּה הַשְּׁבִיעִית מֵחֶסֶד שֶׁאִם הָיָה מַמְתִּין עַד שֶׁתִּנָּתֵן לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם הָיָה רָאוּי לְהוֹלִיד מִמֶּנָּה בֵּן מָשִׁיחַ שֶׁיִּגְאוֹל אֶת הַשְּׁכִינָה שֶׁהִיא מִדַּת הַמַּלְכוּת. **אָמַר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לֵיתֵי בְּרָא דְבַת אֵל נֵכָר, וְיִנְקוֹם נוּקְמָתָא**, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יָבֹא בֵּן שֶׁנּוֹלַד מִבַּת אֵל נֵכָר, הַיְינוּ מִבַּת יְפַת תּוֹאַר שֶׁנִּתְגַּיְּרָה בְּאוֹנֶס, וְיִנְקֹם הַנְּקָמָה, **וּמַאן אִיהוּ** וּמִי הוּא **דָא אַבְשָׁלוֹם, דִּבְרֵיהּ דִּיפַת תּוֹאַר הֲוָה מִקְרָבָא**. זֶהוּ אַבְשָׁלוֹם, שֶׁבֶּן יְפַת תּוֹאַר הָיָה מֵהַמִּלְחָמָה. וְהַטַּעַם, שֶׁפְּגַם דָּוִד הָיָה שֶׁלֹּא הִמְתִּין, וְאֵשֶׁת יְפַת תּוֹאַר לֹא דִּבְּרָה תּוֹרָה אֶלָּא כְּנֶגֶד יֵצֶר הָרָע, וְיוֹתֵר טוֹב שֶׁיִּכְבּוֹשׁ יִצְרוֹ, וּמַה שֶּׁמּוּכָן לוֹ יָבֹא אֵלָיו מִמֵּילָא. **מִכָּאן אוֹלִיפְנָא מַאן דְּנָטִיל אִתְּתָא דָא בִקְרָבָא, וְחָמִיד בָּהּ, לְסוֹף נָפִיק מִינָהּ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה**, מִכָּאן לָמַדְנוּ, שֶׁמִּי שֶׁלּוֹקֵחַ אִשָּׁה זוֹ יְפַת תֹּאַר בְּמִלְחָמָה, וְחוֹשֵׁק בָּהּ אַף עַל פִּי שֶׁהַתּוֹרָה הִתִּירָה נֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע, לְבַסּוֹף יוֹצֵא מִמֶּנָּה בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה, **מַאי טַעְמָא**, מַה הַטַּעַם, **בְּגִין דְּעַד כְּעַן לָא פָּסְקָא מִינָהּ זוּהֲמָא, וְהָא אוּקְמוּהָ**, בִּשְׁבִיל שֶׁעַד עַתָּה לֹא פָּסַק מִמֶּנָּה הַזֻּהֲמָא, וַהֲרֵי הֶעֱמַדְנוּהָ, שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁבָּא נָחָשׁ עַל חַוָּה הִטִּיל בָּהּ זוּהֲמָא, יִשְׂרָאֵל שֶׁעָמְדוּ עַל הַר סִינַי פָּסְקָה זוּהֲמָתָן, גּוֹיִם שֶׁלֹּא עָמְדוּ עַל הַר סִינַי לֹא פָּסְקָה זוּהֲמָתָן:

# יוסף לחק

## הלכה

### הלכה (רמב״ם, הלכות מעשה הקרבנות פרק א)

**א.** שָׁעוֹת מוֹנִין לְקָדָשִׁים, וְאִם הוֹסִיפוּ שָׁעָה אֶחָת אוֹ פָּחֲתוּ שָׁעָה פְּסוּלִין, כֵּיצַד קָרְבָּן שֶׁמִּצְוָתוֹ לִהְיוֹת בֶּן שָׁנָה, אִם הוֹסִיף עַל הַשָּׁנָה שָׁעָה אַחַת נִפְסָל. אֲפִילוּ הָיָה בֶּן שָׁנָה בִּשְׁעַת שְׁחִיטָה, וְהוֹסִיף עַל הַשָּׁנָה בִּשְׁעַת זְרִיקָה נִפְסַל עַד שֶׁיִּהְיֶה בֶּן שָׁנָה עַד שְׁעַת זְרִיקָה, וְכֵן בְּכָל הַזְּבָחִים.

**ב.** כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר 'כֶּבֶשׂ' אוֹ 'כִּשְׂבָּה' אוֹ 'כְּבָשִׂים' הֲרֵי אֵלּוּ בְּנֵי שָׁנָה וְכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר 'אַיִל' אוֹ 'אֵילִים' הֵם הַזְּכָרִים בְּנֵי שְׁנָתַיִם, וּמֵאֵימָתַי יִקָּרֵא אַיִל מִשֶּׁיִּכָּנֵס בַּשָּׁנָה שְׁנִיָּה אֶחָד וּשְׁלֹשִׁים יוֹם. אֲבָל בְּיוֹם שְׁלֹשִׁים אֵינוֹ כָּשֵׁר לֹא לְכֶבֶשׂ וְלֹא לְאַיִל וְהוּא הַנִּקְרָא פַּלְגָּס, וְכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ 'עֵגֶל' הֲרֵי זֶה בֶּן שָׁנָה, 'פַּר' בֶּן שְׁתַּיִם, 'שְׂעִיר עִזִּים' בֶּן שָׁנָה, 'שָׂעִיר' בֶּן שְׁתַּיִם, כָּל שָׁנָה שְׁנִיָּה הוּא נִקְרָא שָׂעִיר.

#### ביאור הלכה

**א. שָׁעוֹת מוֹנִין לְקָדָשִׁים** ביי די קרבנות ציילט מען שעות, ד.מ. ביים רעכענען די יארגאנג פון קרבנות הייבט זיך נישט אן דער יאר ראש השנה, און מען ציילט אויך נישט קיין טעג פון ווען ער איז געבוירן געווארן, נאר מען ציילט די שעות, **וְאִם הוֹסִיפוּ שָׁעָה אֶחָת** און אויב עס איז געווען א שעה מער **אוֹ פָּחֲתוּ שָׁעָה** אדער עס איז געווען א שעה ווייניגער **פְּסוּלִין** זענען די קרבנות פסול, **כֵּיצַד** ווי אזוי איז דאס געזאגט געווארן **קָרְבָּן שֶׁמִּצְוָתוֹ לִהְיוֹת בֶּן שָׁנָה** א קרבן וואס די מצוה איז ער זאל אלט זיין ביז א יאר צ.ב.ש. א קרבן פסח **אִם הוֹסִיף עַל הַשָּׁנָה שָׁעָה אַחַת נִפְסָל** אויב ער איז מיט איין שעה עלטער ווי א יאר איז ער געווארן פסול, צ.ב.ש. אויב ער איז געבוירן געווארן י״ד ניסן אין די ניינטע שעה אויפן טאג און מען האט אים געשאכטן דעם קומענדיגן יאר אין די צענטע שעה איז דער קרבן פסול, **אֲפִילוּ הָיָה בֶּן שָׁנָה בִּשְׁעַת שְׁחִיטָה** אפילו אויב ווען מען האט אים געשאכטן איז ער געווען פאר דעם יאר צ.ב.ש. מען האט דעם קרבן געשאכטן פאר די ניינטע שעה **וְהוֹסִיף עַל הַשָּׁנָה בִּשְׁעַת זְרִיקָה** און ווען מען האט געשפריצט די בלוט אויף דעם מזבח איז שוין געווען נאך דעם יאר ביי די צענטע שעה **נִפְסָל** איז דער קרבן פסול **עַד שֶׁיִּהְיֶה בֶּן שָׁנָה עַד שְׁעַת זְרִיקָה** סיידן ווען מען שפריצט די בלוט אויף דעם מזבח איז ער נאך פאר דעם יאר, **וְכֵן בְּכָל הַזְּבָחִים** און אזוי איז דער דין ביי די יארן פון אלע קרבנות.

**ב. כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר** יעדער ארט וואו עס שטייט אין די תורה '**כֶּבֶשׂ**' א שעפס א זכר **אוֹ** '**כִּשְׂבָּה**' אדער א שעפס א נקבה **אוֹ** '**כְּבָשִׂים**' אדער עס שטייט כבשים - שעפסן **הֲרֵי אֵלּוּ בְּנֵי שָׁנָה** זענען זיי נאר כשר מקריב צו זיין ביז צום יאר, **וְכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר** און יעדער ארט וואו עס שטייט אין די תורה '**אַיִל**' איל – איין ווידער **אוֹ** '**אֵילִים**' אדער אילים – עטליכע אילים **הֵם הַזְּכָרִים בְּנֵי שְׁנָתַיִם** מיינט דאס שעפסן זכרים, און זיי זענען נאר כשר מקריב צו זיין ביי צוויי יאר און נישט ווייניגער, **וּמֵאֵימָתַי יִקָּרֵא אַיִל** פון וועלכע צייט ווערט דער שעפס אנגערופן איל **מִשֶּׁיִּכָּנֵס בַּשָּׁנָה שְׁנִיָּה אֶחָד וּשְׁלֹשִׁים יוֹם** פון ווען ער איז שוין אריינגעגאנגען איין און דרייסיג טעג אין דעם צווייטן יאר ד.מ. דרייצן חדשים און איין טאג, **אֲבָל בְּיוֹם שְׁלֹשִׁים** אבער דעם דרייסיגסטן טאג **אֵינוֹ כָּשֵׁר לֹא לְכֶבֶשׂ וְלֹא לְאַיִל** איז ער נישט כשר מקריב צו זיין נישט פאר א שעפס און נישט פאר א איל **וְהוּא הַנִּקְרָא פַּלְגָּס** און דעמאלטס ווערט ער אנגערופן פלגס, [דאס איז א ווארט אין יוונית, און דאס מיינט ער איז ארויס פון א געוויסע גרעניץ און נישט אנגעקומען צו דעם אנדערן גרעניץ, נאר ער איז געבליבן צווישן די צוויי גרעניצן], **וְכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ** '**עֵגֶל**' און יעדער ארט וואו עס שטייט אין די תורה ביי קרבנות דער ווארט עגל – א קאלב **הֲרֵי זֶה בֶּן שָׁנָה** איז דאס ביז צום ערשטן יאר, '**פַּר**' און וואו עס שטייט ביי קרבנות דער ווארט פר – אן אקס, **בֶּן שְׁתַּיִם** איז ער כשר מקריב צו זיין פאר א קרבן נישט ווייניגער פון צוויי יאר און נישט מער פון דריי יאר, '**שְׂעִיר עִזִּים**' וואו עס שטייט אין די תורה שעיר עזים **בֶּן שָׁנָה** איז ער כשר מקריב צו זיין פאר א קרבן ביז צו א יאר, '**שָׂעִיר**' און וואו עס שטייט אין די תורה שעיר **בֶּן שְׁתַּיִם** מיינט מען אז דעם גאנצן צווייטן יאר מעג מען אים מקריב זיין פאר א שעיר, **כָּל שָׁנָה שְׁנִיָּה הוּא נִקְרָא שָׂעִיר** דעם גאנצן צווייטן יאר ביז ער וועט אלט ווערן צוויי יאר ווערט ער אנגערופן שעיר.

## מוסר

### מוסר (שערי קדושה ח״ב שער ה׳)

**אָמְרוּ** רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוטה מא:), כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֲנוּפָּה אֲפִלּוּ עֻבָּרִים שֶׁבִּמְעֵי אִמָּן מְקַלְלִים

#### ביאור מוסר

**אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** די רז״ל האבן געזאגט (סוטה מא:) **כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֲנוּפָּה** דער מענטש וואס האט

## מוסר (שערי קדושה ח״ב שער ה׳)

אוֹתוֹ וְכוּ׳. וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ראה שם ע״א), בַּעֲוֹן חֲנוּפָּה בְּנֵי אָדָם נוֹפְלִים בְּיַד אוֹיְבֵיהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר (ישעי׳ י, ו) ׳בְּגוֹי חָנֵף אֲשַׁלְּחֶנּוּ׳ וְגוֹ׳. קָשָׁה הַחֲנוּפָּה כַּעֲבוֹדָה זָרָה וְגִלּוּי עֲרָיוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים. עֲבוֹדָה זָרָה מִנַּיִן, שֶׁנֶּאֱמַר (שם לב, ו) ׳לַעֲשׂוֹת חֹנֶף וּלְדַבֵּר אֶל ה׳ תּוֹעָה׳. גִּלּוּי עֲרָיוֹת מִנַּיִן, שֶׁנֶּאֱמַר (ירמיה ג, א) ׳הֵן יְשַׁלַּח אִישׁ אֶת אִשְׁתּוֹ וְגוֹ׳ הֲלֹא חָנוֹף תֶּחֱנַף הָאָרֶץ׳ וְגוֹ׳. שְׁפִיכוּת דָּמִים מִנַּיִן, שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים קו, לח) ׳וַתֶּחֱנַף הָאָרֶץ בַּדָּמִים׳. וּבַעֲוֹן הַחֲנוּפָּה הַגְּשָׁמִים נֶעֱצָרִים. וּבַעֲוֹן הַחֲנוּפָּה נִדּוֹן בְּגֵיהִנָּם לְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים, שֶׁנֶּאֱמַר (ישעי׳ לג, יד) ׳פָּחֲדוּ בְצִיּוֹן חַטָּאִים אָחֲזָה רְעָדָה חֲנֵפִים מִי יָגוּר לָנוּ אֵשׁ אוֹכֵלָה׳ וְגוֹ׳. וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ראה סנהדרין קא:) לֹא זָכָה יָרָבְעָם לְמַלְכוּת אֶלָּא עַל שֶׁלֹּא הֶחֱנִיף לִשְׁלֹמֹה.

### ביאור מוסר

אין זיך די מדה צו חנפ׳ענען **אֲפִלּוּ עֻבָּרִים שֶׁבִּמְעֵי אִמָּן מְקַלְּלִים אוֹתוֹ וְכוּ׳** איז אפילו די קינדער וואס זענען נאך אין זייער מוטער׳ס בויך שעלטן אים, **וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** און נאך האבן די רז״ל געזאגט (ראה שם ע״א) **בַּעֲוֹן חֲנוּפָּה בְּנֵי אָדָם נוֹפְלִים בְּיַד אוֹיְבֵיהֶם** צוליב די זינד וואס איין מענטש חנפ׳עט דעם אנדערן פאלן אריין מענטשן אין די הענט פון זייערע פיינט **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס׳שטייט אין פסוק (ישעי׳ י, ו) ׳**בְּגוֹי חָנֵף אֲשַׁלְּחֶנּוּ**׳ **וְגוֹ׳** אין א פאלק וואס חנפ׳ענען וועל איך אים פארשיקן ד.מ. וועגן דעם ווייל זיי חנפ׳ענען וועל איך זיי איבערגעבן אין די הענט פון די גוים.

**קָשָׁה הַחֲנוּפָּה כַּעֲבוֹדָה זָרָה וְגִלּוּי עֲרָיוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים** די עבירה פון חנפ׳ענען איז אזוי הארב ווי דינען עבודה זרה און מזנה זיין און הרג׳ענען מענטשן, **עֲבוֹדָה זָרָה מִנַּיִן** פון וואו ווייסן מיר אז די עבירה פון חנפ׳ענען איז אזוי הארב ווי דינען עבודה זרה **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל ס׳שטייט אין פסוק (שם לב, ו) ׳**לַעֲשׂוֹת חֹנֶף וּלְדַבֵּר אֶל ה׳ תּוֹעָה**׳ צו טון חנופה און צו רעדן אויף גאט שלעכטע רייד מיט שווינדל, דאס איז אזויווי ער וואלט געדינט צו עבודה זרה, און דער פסוק גלייכט צו א חונף צו אים, **גִּלּוּי עֲרָיוֹת מִנַּיִן** פון וואו ווייסן מיר אז די עבירה פון חנפ׳ענען איז אזוי הארב ווי די עבירה פון מזנה זיין **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל ס׳שטייט אין פסוק (ירמיה ג, א) ׳**הֵן יְשַׁלַּח אִישׁ אֶת אִשְׁתּוֹ וְגוֹ׳**׳ אויב א מאן וועט ארויסשיקן זיין ווייב [ער וועט איר געבן א גט] און זי וועט אוועקגיין פון אים צו אן אנדער מאן וואס וועט מיט איר חתונה האבן, און דער אנדער מאן וועט איר אויך גט׳ן אדער ער וועט שטארבן, אויב דער ערשטער מאן וועט איר וועלן צוריקנעמען, טאר ער נישט, דאס איז אן עבירה ווי צו מזנה זיין, זאגט ווייטער דער פסוק **הֲלֹא חָנוֹף תֶּחֱנַף הָאָרֶץ׳ וְגוֹ׳** דאס איז אזא עבירה אזויווי ווען די מענטשן פון דער וועלט וואלטן גע׳חנפ׳עט, זעען מיר אז מזנה זיין און חנפ׳ענען איז איין עבירה. **שְׁפִיכוּת דָּמִים מִנַּיִן** פון וואו ווייסן מיר אז די עבירה פון חנפ׳ענען איז אזוי הארב ווי די עבירה פון הרג׳ענען א מענטש **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל ס׳שטייט אין פסוק (תהלים קו, לח) ׳**וַתֶּחֱנַף הָאָרֶץ בַּדָּמִים**׳ די ערד האט גע׳חנפ׳עט מיט בלוט פארגיסונג די מענטשן האבן גע׳חנפ׳עט איינער דעם אנדערן וואס די עבירה איז אזוי גרויס ווי בלוט פארגיסן.

**וּבַעֲוֹן הַחֲנוּפָּה הַגְּשָׁמִים נֶעֱצָרִים** און צוליב די עבירה וואס מענטשן חנפ׳ענען ווערט אפגעהאלטן דער רעגן, **וּבַעֲוֹן הַחֲנוּפָּה נִדּוֹן בְּגֵיהִנָּם לְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים** און צוליב די עבירה פון חנפ׳ענען ווערט מען גע׳משפט אין גיהנם אויף אייביג **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס׳שטייט אין פסוק (ישעי׳ לג, יד) ׳**פָּחֲדוּ בְצִיּוֹן חַטָּאִים** די זינדיגע אין די שטאט ציון האבן מורא געהאט **אָחֲזָה רְעָדָה חֲנֵפִים** עס האט אנגעכאפט א ציטערניש די מענטשן וואס חנפ׳ענען **מִי יָגוּר לָנוּ אֵשׁ אוֹכֵלָה׳ וְגוֹ׳** זיי האבן געזאגט ווער פון אונז וועט קענען וואוינען אין דעם ברענעדיגן פייער פון גיהנם, **וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** און די רז״ל האבן געזאגט (ראה סנהדרין קא:) **לֹא זָכָה יָרָבְעָם לְמַלְכוּת אֶלָּא עַל שֶׁלֹּא הֶחֱנִיף לִשְׁלֹמֹה** דאס וואס ירבעם האט זוכה געווען צו זיין א מלך איז נאר ווייל ער האט נישט גע׳חנפ׳עט דעם קעניג שלמה.

---

## כבוד שבת

### והפשיט את העולה ונתח אותה לנתחי׳ (א, ו)

והפשיט, מ׳קען פון זיך אראפנעמען, את העולה, די מדה פון גיאות, פון זיך האלטן גרעסער פון א צווייטען, דורך די עצה, פון ונתח אותה לנתחי׳, ער זאל זיך צונעמען אויף שטיקלעך, און דורכזיפן אלע זיינע מעשים, וועט ער גלייך איינזען אז ער האט זיך נישט מיט וואס צו האלטן גרויס. (הרה״ק ר׳ מיכל מזלאטשוב זי״ע)

### והפשיט את העולה (א, ו)

דער ענין פון הפשטת העולה ווייזט אויף אראפרייסן פון זיך די מחשבות זרות און די פרעמדע געדאנקען. דעריבער קען א בן נח נישט ברענגען אן עולה, ווייל ביי א גוי עקזיסטירט נישט דער באגריף פון חרטה, ער ברענגט א קרבן אלס א קנס אויף די עבירה און נישט אלס חרטה. (חידושי הרי״ם)

## פניני אור החיים

**עוֹד** יִרְמֹז לְצַוּוֹת אֶת אַנְשֵׁי חַיִל לְהִשְׁתַּדֵּל לְקָרֵב לְבָבוֹת עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲבוֹדַת ה׳, וְלָזֶה יִקְרָא קָרְבָּן לַה׳, כִּי עַל יְדֵי חֵטְא הָאָדָם יְפָרֵד הַדְּבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל עִם אֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם דִּכְתִיב (דְּבָרִים ד ד) וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳, וְיִהְיוּ נִבְדָּלִים וּמְרֻחָקִים מֵהַשְּׁכִינָה, וְהָאָדוֹן בָּרוּךְ הוּא יַקְפִּיד כִּבְיָכוֹל עַל הַדָּבָר וְיִתְאַוֶּה לְקָרֵב אוֹתָם אֵלָיו, וְצִוָּה לְהוֹכִיחַ לְכָל הָרָחוֹק וּלְקָרֵב לִבּוֹ, גַּם הֶעֱנִישׁ לְמַעֲלִים עַיִן מֵהַדָּבָר, וְזֶה לְךָ הָאוֹת אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ לְהַתְחִיל מִמִּקְדָּשָׁיו, וְהִגְדִּיל שְׂכַר הַמְזַכֶּה כְּמַאֲמַר הַתַּנָּא (אָבוֹת פ״ה) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ, כִּי יִשְׁמְרֶנּוּ ה׳ מִשְּׁגִיוֹנוֹת.

וְהֵם הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים כָּאן, אָדָם, דִּקְדֵּק לוֹמַר אָדָם לְשׁוֹן חֲשִׁיבוּת כְּאָמוּר בַּזֹּהַר (תַּזְרִיעַ מח). כִּי יַקְרִיב, וְאֶת מִי יַקְרִיב, פֵּרֵשׁ הַכָּתוּב וְאָמַר מִכֶּם, מִן הַפְּחוּתִים שֶׁיֶּשְׁנָם בָּכֶם אֲשֶׁר פָּשְׁעוּ בַּה׳ וַיֹּאמְרוּ לָאֵל סוּר מִמֶּנּוּ וְנִתְרַחֲקוּ מִדְּבֵקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אֶת זֶה יַקְרִיב, וְלָזֶה יִקְרָא קָרְבָּן לַה׳, כִּי יַקְרִיב נֵצֶר מַטָּעָיו קֹדֶשׁ לְשָׁרְשׁוֹ, וְאָדָם כָּזֶה אֵין צָרִיךְ לְהָבִיא לֹא נֶדֶר וְלֹא נְדָבָה, גַּם אֵין מְצִיאוּת לְהָבִיא לֹא חַטָּאת וְלֹא אָשָׁם, עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז״ל (אָבוֹת פ״ה) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ, וְאִם אֵין שׁוֹגֵג אֵין קָרְבָּן.

## ביאור אור החיים

דער אוהחה״ק רעדט איבער דעם וויכטיגן ענין פון זיך אנשטרענגען צו מעורר זיין און צוריקברענגען אידן צום אייבערשטן

**עוֹד יִרְמֹז** נאך וויל דער פסוק מרמז זיין, **לְצַוּוֹת אֶת אַנְשֵׁי חַיִל** צו באפעלן די שטארקע ערליכע מענטשן **לְהִשְׁתַּדֵּל** צו זיך אנשטרענגען **לְקָרֵב** צו דערנענטערן **לְבָבוֹת עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** די הערצער פון דעם אידישן פאלק **לַעֲבוֹדַת ה׳** צו דינען דעם אייבערשטן. **וְלָזֶה** און אט דאס **יִקְרָא** ווערט אנגערופן **קָרְבָּן לַה׳** א קרבן צום אייבערשטן, **כִּי עַל יְדֵי חֵטְא הָאָדָם** ווייל דורך די זינד פון א מענטש **יְפָרֵד הַדְּבֵקוּת** ווערט אפגעטיילט דעם באהאפטנקייט **שֶׁל יִשְׂרָאֵל** פון די אידן **עִם אֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם** מיט זייער טאטע וואס איז אין הימל, **דִּכְתִיב** אזויווי ס׳שטייט אין א פסוק **וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה׳** און איר זענט באהאפטן אין דער אייבערשטער, און פונדעם ווערט מען אפגעטיילט דורך די זינד, **וְיִהְיוּ נִבְדָּלִים** און זיי וועלן זיין אפגעשיידט **וּמְרֻחָקִים מֵהַשְּׁכִינָה** און דערווייטערט פון די שכינה, **וְהָאָדוֹן בָּרוּךְ הוּא** און דער הער דער אייבערשטער **יַקְפִּיד כִּבְיָכוֹל עַל הַדָּבָר** איז כביכול מקפיד אויף דעם זאך אז ס׳זענען פארהאן אידן וועלכע זענען אפגעטיילט פונדעם שכינה, **וְיִתְאַוֶּה** און ער גלוסט **לְקָרֵב אוֹתָם אֵלָיו** זיי צו דערנענטערן צו אים, **וְצִוָּה לְהוֹכִיחַ** און ער האט באפוילן צו מוסר׳ן **לְכָל הָרָחוֹק** יעדע דערווייטערטע **וּלְקָרֵב לִבּוֹ** און צו דערנענטערן זיין הארץ, **גַּם הֶעֱנִישׁ** אויך האט דער אייבערשטער געשטראפט **לְמַעֲלִים עַיִן מֵהַדָּבָר** איינער וואס פארהוילט זיין אויג פון צו טון דער זאך.

דער אוהחה״ק ברענגט ראיות פון חז״ל איבער דעם ענין

**וְזֶה לְךָ הָאוֹת** און דאס איז א צייכן צו דיר ווי שטארק דער אייבערשטער וויל דאס, **אֲשֶׁר צִוָּה ה׳** דאס וואס דער אייבערשטער האט באפוילן **לְהַתְחִיל מִמִּקְדָּשָׁיו** צו אנהייבן דעם שטראף פון זיינע געהייליגטע צוליב דעם וואס זיי האבן נישט גע׳מוסר׳ט די וואס זינדיגן[א], **וְהִגְדִּיל שְׂכַר הַמְזַכֶּה** און ער האט געמאכט גרויס דעם שכר פון איינער וואס איז מזכה אנדערע אידן, **כְּמַאֲמַר הַתַּנָּא** אזויווי דער תנא זאגט **כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים** אז יעדער וואס איז מזכה דעם רבים **אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ** קומט נישט קיין עבירה דורך אים, **כִּי יִשְׁמְרֶנּוּ ה׳** ווייל דער אייבערשטער וועט אים היטן **מִשְּׁגִיוֹנוֹת** פון טעותים, אלס א שכר אויף דעם וואס ער דערנענטערט אנדערע אידן.

דער אוהחה״ק פארטייטשט דאס אין די פסוקים

**וְהֵם הַדְּבָרִים** און אט דאס זענען די ווערטער **הַנֶּאֱמָרִים כָּאן** וועלכע ווערן געזאגט דא, **אָדָם** א מענטש **דִּקְדֵּק לוֹמַר אָדָם** דער פסוק האט מדקדק געווען צו זאגן דעם ווארט אדם[ב] **לְשׁוֹן חֲשִׁיבוּת** ווייל דאס איז א לשון פון חשיבות **כְּאָמוּר בַּזֹּהַר** אזויווי ס׳שטייט אין זוהר הקדוש, **כִּי יַקְרִיב** אויב ער וועט דערנענטערן, **וְאֶת מִי יַקְרִיב** און וועם וועט ער דערנענטערן, **פֵּרֵשׁ הַכָּתוּב** האט דער פסוק ערקלערט **וְאָמַר** און ער האט געזאגט **מִכֶּם** פון אייך **מִן הַפְּחוּתִים** דאס מיינט פון די שוואכערע **שֶׁיֶּשְׁנָם בָּכֶם** וואס זענען דא צווישן אייך, **אֲשֶׁר פָּשְׁעוּ בַּה׳** וואס זיי האבן זיך פארזינדיגט פאר׳ן אייבערשטן **וַיֹּאמְרוּ לָאֵל** און זיי האבן געזאגט פאר דער אייבערשטער **סוּר מִמֶּנּוּ** קער זיך אוועק פון מיר, **וְנִתְרַחֲקוּ מִדְּבֵקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ** און זיי האבן זיך דערווייטערט פון צו זיין באהאפטן צום אייבערשטן, **אֶת זֶה יַקְרִיב** אט אזא מענטש זאל ער דערנענטערן. **וְלָזֶה יִקְרָא** און דאס ווערט אנגערופן **קָרְבָּן לַה׳** א קרבן צו דער אייבערשטער **כִּי יַקְרִיב** ווייל ער דערנענטערט **נֵצֶר מַטָּעָיו קֹדֶשׁ** צווייגן פון זיין הייליגע פלאנצונג **לְשָׁרְשׁוֹ** צו זיין שורש. **וְאָדָם כָּזֶה** און א מענטש אזויווי דעם, **אֵין צָרִיךְ לְהָבִיא** דארף נישט ברענגען **לֹא נֶדֶר וְלֹא נְדָבָה** נישט קיין קרבן פאר א נדר און נישט קיין נדבה, **גַּם אֵין מְצִיאוּת** אויך איז נישט דא קיין פאל **לְהָבִיא לוֹ חַטָּאת** אז ער זאל דארפן ברענגען א קרבן חטאת **וְלֹא אָשָׁם** און נישט קיין קרבן אשם, **עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז״ל** לויט וויאזוי חז״ל זאגן **כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים** אז יעדער וואס איז מזכה דעם רבים **אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ** קומט נישט קיין זינד דורך אים, **וְאִם אֵין שׁוֹגֵג** און אויב ס׳איז נישט דא קיין עבירות וואס ער האט געטון בשוגג, ווייל אזא איינער טוט דאך נישט קיין עבירות **אֵין קָרְבָּן** איז נישט דא ביי אים קיין קרבן וואס ער דארף ברענגען.

---

**א.** זעה באריכות וועגן דעם אין גמרא (שבת נה.), אז ר׳ אחא בר חנינא זאגט אז קיינמאל איז נישט ארויס א מדה טובה פונעם אייבערשטן און זיך צוריקגעקערט, נאר דאס מאל, ווען דער אייבערשטער האט געהייסן פאר מלאך גבריא׳ ער זאל גיין קיין ירושלים, און שרייבן א תי״ו פון טינט אויף די שטערן פון צדיקים אז די מלאכי חבלה זאלן נישט געוועלטיגן אין זיי, און א תי״ו פון בלוט אויף די שטערן פון די רשעים, אז די מלאכי חבלה זאלן יא געוועלטיגן אין זיי, אזויווי עס שטייט אין א פסוק (יחזקאל ט, ו) ויאמר ה׳ וגו׳ והתוית תו על מצחות וגו׳, איז דער מידת הדין געקומען מיט א טענה אז די צדיקים וואלטן געדארפט מוחה זיין, און אפילו אין הימל ווייסט מען אז די רשעים וואלטן נישט מקבל געווען, אבער זיי האבן נישט געוואוסט, און דאן האט דער אייבערשטער צוריקגעצויגן און געזאגט אז מ׳וועט שטראפן אויך די צדיקים, און מ׳וועט אנהייבן מיט זיי.

**ב.** און נישט איינער פון די אנדערע לשונות וואס מיינט א מענטש, ׳איש׳ ׳גבר׳ ׳אנוש׳.